STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07194

LIDER

Jeremiah Hescheles

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירמיה העשעלעס

•

לידער

דעם [illegible]

[illegible]

מיט גרוס [illegible]

א מתּנה

ירמיה העשעלעס.

ניו־יאָרק, 1963

ג ע ו ו י ד מ ע ט

מיין פרוי בעטין



ירמיה העשעלעס

ירמיה העשעלעס

לידער

פאַרלאַג „איינגנוועג"

ניו־יאָרק, נ. י.

JEREMIAH HESCHELES

LIDER

Copyright, 1963, by Jeremiah Hescheles
New York City, N. Y.

Published by "Eignweg"

Printed in the United States of America
by
Knight Printing Corp., 382 Lafayette St., New York

96

לידער

הנהו תרתי כושאי דהוו קיימי קמי שלמה אליחרף ואחיה בני שישא סופרים דשלמה. הוו יומא חד חזייה למלאך המות דהוה קא עציב א"ל אמאי עציבת א"ל דקא בעו מינאי הני תרתי כושאי דיתבי הכא מסרינהו לשעירים שדרינהו למחוזא דלוז כי מטו למחוזא דלוז שכיבו למחר חזיא מלאך המות דהוה קבדח א"ל אמאי בדיחת א"ל באתר דבעו מינאי תמן שדרתינהו מיד פתח שלמה ואמר רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה לאתר דמיתבעי תמן מובילין יתיה (סוכה נ"ג:)

Canzone, or che sará di me ne l'altro
dolce tempo novello, quando piove
amore in terra da tutti li cieli,
quando per questi geli
amore è solo in me, e non altrove?

Dante

שבילים

א—ת

בראשית ברא אלוקים
את: א ביז ת—
אות
סימן און מופת.

און ווער ס'איז תופס
דעם טאָפּלסוד
פון אָנהייב ביז סוף,
באהעפט זיך מיטן עץ־החיים:

ער איז גוזר —
און ג־ט
איז מקיים.

HOMO NOVUS

דער מענטש, דער נײַער,
ער איז שוין אויפֿן וועג!

בתולה,
יחידת-סגולה,
דערוואָרט די טיפּה זכה, פֿאַרויסגעזאָגטע,
און אויסגעלײַטערטע דורך אַלע טעג,
זינט מעשׂה-בראשית: דורך אָבֿות —
פּלאָגערס און געפּלאָגטע —
אין אויפֿשטײַג, אָנגעצייכנטן בײַם ב ר אָ א ל ו ק י ם
צו אים,
דעם: Homo Novus

האָמאָ נאָוווס — נײַער מענטש.

רויג

איך זע אַ טײַך — אומענדלעכן — ער פֿליסט מיט רויג:
זײַן צווייטן ברעג דערגרייכט נישט קיינעמס אויג —
און טיפֿער, טיפֿער, ווערט זײַן דנאָ
מיט יעדער שעה,
פֿון קוואַל
צום נאָגלעם פֿאַל
אין תהום, דורך קורצן וועג, וואָס רופֿט
זיך: ל ע ב ן.

ביז יעדע טיפּה, ווען אָפּגעגופֿט,
מוז לאָזן פֿון זיך איבערקלעבן,
אויפֿסנײַ, דעם שטאָף.

אַזוי צום סאַמע סוף,
ביז כרוז דעם בוראס
וועט אײַנזאַמלען צו אים די שפּעטסטע דורות.

דורך תגין

מײַן קרײַזלויף נעמט מיך — אַרום
דעם גאַנצן יקום,
יאָר־אײַן־יאָר־אויס;
מיך פֿירט די סדרה — און ווי גרויס
ס'איז שוין ספּיראַל,
וואַקסט אַלץ מער דער שטראַל
פֿון נײַסטן פּינטל אויף היקף צו
מרכז, אין אור־אײביקער רו,
אין קדמונס שוים.

מיך פֿירט די סדרה
דורך אין־סופֿיקער פּאָליהעדראַ,
און איך פֿאַרליר נישט מײַן ערדישע וואָג —

צווישן תג און תג
פֿון אות, גרייכט מײַן בליק
צום צמצום — אײַנגעשלײערטן — צוריק,
און צום התפּשטות — פֿאַרויס,
אין אײַנגעהילטסטן חדר־חדרים פֿון ג־טס הויז.

פּאָליהעדראַ — פּילוואַנט

4־מאָס

אַרום — בלויז שטערן; לופֿט איז מילד: איך ליג אויף פֿרישן גראָז;
מײַן בליק דערהויבט מיך הויך צום ווײַטסטן צפֿון. כ׳טראַכט, און לאָז
אַרײַן זיך אין אַן אַלטער ת י ק ו. כ׳פֿרעג: גיי איך דורך צײַט?
צי צײַט דורך מיר? — ווי אין דעם ע נ ט פֿ ע ר וואָלט געווען באַטײַט
פֿון דאָזײַן. — ח ש ב ו ן, ח ש ב ו ן, ח ש ב ו ן: צו זון פֿון ערד
איז כך וכך... צום נאָנטסטן שטערן — וויפֿל? און ו ו ע ן ווערט
מהלך אוים? גייט צײַט דורך זעקסוואַנט — צי פֿאַרקערט? איך זוך
אַ זין אין פֿראַגע גופֿא: ס׳קאָן דאָך זײַן נישט מער, ווי שפרוך,
צו האַלטן אונדז אין כּשוף־קרײַז — קאָנונדרום! אַנו, ראָט!
און חידהס ווײַטסטער צוועק איז נישט דער ענטפֿער. נאָר וואָס דען?
פֿאַרשפּילן זיך די קעפּ מיט שײַכות צווישן ו ו ע ר און ו ו ע ן;
מ י ר אָדער צ ײַ ט? ו ו ע ר גייט דורך וועמען?—כ׳ליג אַזוי און טראַכט,
ווי ווײַט איך בין פֿון זיי, די שטערן. ס׳שווימט מיט מיר די נאַכט.
איך קלויב אַ שטערן אויס; גיי צו אים; ער ציט אַרויף
מיך באַלד צו זיך —— און מיטאַמאָל בין איך אין ראַשן לויף,
פֿאַרווירבלט אין גלגלים. כ׳שלינג מרחקים; צ ײַ ט מיט זיי,
און צײַט שלינגט אונדז דורך ז י ך — אין אומבאַגרײַפֿלעכן געדריי.

קאָנונדרום: — רעטעניש, וואָס מ׳ראָט
דורך אַ וואָרטשפּיל, —
חידה אָן לייזונג —

הייכזוך

נהירין לי שבילי דשמיא —

און איך זוך נישט אזוי הויך — והא ראיה:
אַט גריבל איך, אַ לעבן, אין די סטעזשקעס פֿון מוח,
דעם אייגענעם, דערצו — אַזוי פֿיל חלבנה — פֿון ריח ניחוח
אַרויסגעשפּירט — וואָס מיינען פֿאַר מיר די שטעגן פֿון הימל,
און ערד, אויב קטורת צום א י ך — פֿאַרנעפּלט אים אין דרימל,
ווי אין וואַך — פֿאַר מיר? — ווער איז שוין, דוכט זיך, נענטער,
ווי איך אַליין צו זיך, צום אייגנסט־איניקסטן צענטער?

בין איך נישט — אחרי ככלות הכל — אין לאַבירינט אָן אַ פֿאָדעם?
דערזע איך שוין יאָ דעם עץ־הדעת — א י ן ז י ך — איז ווי אָדם
בשעתו! — אמת, קיינער טרייַבט נישט; נאָר ס׳לעשן זיך די ליכטער,
אַזוי אומפֿאַרהאָפֿט! כ׳פֿאַרליר זיך—און פֿינצטערניש ווערט געדיכטער;
בין גליקלעך אַרויסצוקומען בשלום.—איז נאָך שטאַרקער מיַין אַבעיה:
וואָס וועט מיר שוין ברענגען אַ נהירין לי שבילי דשמיא?

צײַטפֿויגל

ער פֿליט צו אונדז, דער פֿויגל — און שנעל ווי ליכט;
זײַן שנאָבל אָפֿן; שלינגט שטערן ווי די פֿיש!
אויף וועמען ער קומט, קומט ער אומגעריכט —
און נאָך אַ וועלט ווערט אוים אין אויסגעמיש.

ער פֿליט און שלינגט; געדענקט נישט מער
דעם געבער פֿון באַפֿעל, וואָס קיינער קאָן צוריק
נישט רופֿן — אַפֿילו נישט אויך דער,
וואָס האָט געגעבן אים. — געפּלאַצט האָט שטריק

פֿון לאַנג, דער שטריק, וואָס האָט באַפֿעל
צום פֿויגל אָנגעבונדן;

און אפֿשר איז, מיט לײַב־און־זעל,
באַפֿעלער אויך פֿאַרשוווּנדן?

אויסשייל

געזוכט דערשיילן זיך צום סאַמע קערן
פֿון לעבן, מיר באַשערטן; פֿאַרגעסן, אַז טאָג,
וואָס פֿאַלט אַוועק ווי שאָלעכץ, אין יאָג
נאָך תמצית און וועט זיך נישט אומקערן,
פֿאַרמינערט אי מײַן זײַן און אי מײַן ווערן;
אַז ער איז טייל פֿון צײַט, וואָס איך פֿאַרמאָג;
אַז אויב איך טרינק נישט איצט דעם סאָק,
וועט ער זיך וועפּן אין שטח צווישן שטערן,

צוזאַמען מיט די פּירות, וואָס האָבן זיך פֿון בוים
אַליין געריסן; זיך צעמערבלט אין דעם רוים —

און קיינעם נישט געקוויקט,
ווי די ערד, ווהין מ׳האָט זיי אַראָפּגעשיקט,
איז מער נישט ווי אַ שוים — פֿון אַ קורצן טרוים.

ראַם

כל התחלות קשות: פֿאַנג דאָך אָן!
נעם, למשל, ווי אַ קינד
אַ קרײַדל, אַ קאָלירטש — און צווישן טינט
פֿון ליניעס, דעק מיט פֿאַרב און טאָן
די שטחים. אמת, פֿײַנלעך זענען ראַמען;
קאָליר רײַסט זיך אַרויס;
דרײַעק, פּירעק, פּילעק זענען גישט גרויס
גענוג פֿאַר דיר. — זיך אַזוי צו צאַמען!

וועסטו אָבער אײַנזען, אַז ווי ווײַט
זאָלסט גרענעצן אַרויסרוקן, איז צײַט
נאָך אַלץ צו־קליין, צו גרייכן מיט זיי מעגלעכקייט,
וועסטו אומקערן זיך צו טעגלעכקייט.

און ווי אַ קינד זיך פֿרייען מיט דער ק ל י י נ ע ר מאָס;
מיט גילטיקייט פֿון טרויִזם, וואָס
זאָגט, אַז גרין איז גראָז
און אַז רויט איז בלום,
אין דער ראַם מיט טינט אַרום.

מידאַס

אַזוי ווי יענער קעניג, פֿאַרוואַנדלט אויך די צײַט
פֿאַרגאַנגענהייטן אין גאָלד:
ס׳איז אפֿשר גוט אַזוי, וואָס דער בײַט
פֿאַרשפּעטיקט זיך — ווײַל ווער ווייסט, ווי ס׳וואָלט
דער הווה אונדז באַקומען,
ווען ער וואָלט געווען אַרומגענומען
מיט קאָרע, מעטאַלענער? — נאָך גוט אַזוי,
וואָס בלײַ צעשײַנט
זיך זוניק, ווען הײַנט
איז גרוי —
— — — — — — — — — —
און אפֿשר איז שוין אין פֿאַרשעמטן מעטאַל,
דעם בלײַ, געווען דער שטראַל;
נאָר מיר, די שטערבלעכע, האָבן אים פֿאַרזען?

שטערן אין ברונעם

איך לויף — ביַיטאָג צום ברונעם צו; בייג דעם קאָפּ
אַריבער ראַנד — דערזע: אַ שטערן אויפֿן דנאָ.
דערציטער פֿון פֿאַרגאַף: ווי קומט אַהער, אין שעה
פֿון זון, אַ שטערן? כ׳זאָג מײַן זיידן וואָס איך האָב

געזען. ער קוקט מיך אָן און שמייכלט קלוג: יאָ, יאָ,
ס׳אַ שטערן דאָרט אין ברונעם, ווו ער שײַנט אין טיף
מיט אַנדערע. אַזוי פֿיל שטערן זענען דאָ
אין הייך, אַז ווען זאָלסט נעמען ציילן טריף נאָך טריף

פֿון עמער, זינט איך האָב געגראָבן ברונעם, וואָלט צאָל
פֿון טראָפּנס ווינציקער געווען! — קום, קוק אַראָפּ
אין ברונעם. כ׳וויל זאָלסט לערנען: ווען דיך וועט אַמאָל
אַ פֿינצטערניש באַפֿאַלן, וויים, אַז ס׳איז אַ גאָב
פֿון גורל, וואָס זאָגט: זע! אויך דנאָ ווערט אויפֿגעהעלט!
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
אַ פֿ י ל ו ז ו ן ה א ָ ל ט נ י ש ט ד א ָ ס ג א ַ נ צ ע ל י כ ט פֿ ו ן ו ו ע ל ט.

עוולה

ס׳איז ספֿירה־טעג:
איך גיי פֿון שטאָט אַרויס —
געפֿין אַ שטעג
צום מערבֿ, לענגאויס
אַ טײַך. — געלאָף פֿון פּאַסן שאַרע, גרינע,
צום היגל, אין פֿעלדערפֿאַל צום טאָל
אַראָפּ.

מיר קאָנען נישט אַרויס פֿון קאָפּ
די נישט־געציילטע ספֿירות: חכמה, בינה
און דעת. — פֿרעג איך ווידעראַמאָל:
פֿאַרוואָס טאַקע אויסלאָזן זײַ? היתכן?
פֿאַרוואָס האָט מען די ערשטע דרײַ וואָכן
מיט זיי נישט געקרוינט?
מיט וואָס האָבן זיי חוטא בעגל
געווען?

איך קוק אויפֿן הימל. האָט ווער שוין אַמאָל געזען
אַזאַ קונצנמאַכער? ווי ער ציט
אַזוי פֿיל פֿייגל
פֿון כמאַרע
אַפֿיר! — אַלע חרטומי פּרעה —
וואָס זענען זיי, אַנטקעגן אים? אָבער אַ ייִד,
אַ ייִד טאָר זיך נישט שפּילן
מיט ז א כ ן אַ ז ע ל כ ע, ווי ניר און אילן...

מעג איך כאָטש גיין,
אָן ציל, איבער אַזאַ שטעג,
איינער אַליין,
בפֿרט, ווען איך פֿרעג
נאָך אָפּ דעם סדר פֿון די ספֿירות?
— — — — — — — — — —
כפֿירה איבער כפֿירות!

בלום־דײַט

אַפּילו דער ווינטער האָט פֿאַר דיר אַ רמז,
אויב דו קענסט פֿון די פֿראָסטבלומען אויף דער שויב,
אַרויסלייענען דעם שלל פֿון זומער;
דער אָנזאָג קומט צופֿליִען ווי נחת טויב,
ווען ערד איז נאָך אין פֿראָסטיקן שלומער.

און ד ו שרעקסט זיך פֿאַרן עולם האמת?
ווען ווינטער שיקט דיר דעם רמז,
ווען שוין אין שטויב
ליגט צוזאַמענקלויב,
און פֿאַר באַשאַפֿער — אַ לויב?

פּינטל

אַ פּינטל וואַקסט; קומט נענטער — פֿויגלט זיך:
ס'אַ טערטלטויב! אין פֿרייד פֿון זון־באַגאָס.
אַ פֿאָכע, בליאַסק, אַ שוועב אין סערפּ —
אָן מורא פֿאַר אָדלערס גרײַף פֿאַר יעגערס שאָס.

אַזוי צו פּליעסקען זיך אין בלוי — איז מײַן באַגער:
פֿאַרטויכט אין העל־צעשטראַלטן אַלץ־פֿאַרגעס;
נישט טראַכטן, אַז פֿון פֿעלדזן־אויסשטרעק לויערט שוין
אַ שנאָבל — און צינגל אונטער פֿינגער וואַרט אויף פּרעס.

ווײַל אויב אַ ז ו י — זאָל אָדלער־יעגער אויך אין פֿינצטערניש
זיך וואַרפֿן, אין וואַקל אויף צעוויגטע פֿים!
איז טויט נישט גרייט פֿאַר ז י י, אין שווײַגזאַמען געלאָקער,
ווען זיי פֿאַרלענדן טערטלטויב — פֿאַר שפּײַז אָדער קאַפּריז?

לעצטער רינג

הערנער נייגן זיך צום דיל
נאָך שטריק און רינג ;
פּעטליע ציט־אײַן פֿיס, אַ שלעפּ —

פֿאַלט אָקס ! לאַפּעס װענדן אױגן צו דער ערד ;
האַלדז צום הימל.
ברכה, חלף — שפּראָץ פֿון בלוט.

זיפֿצט שוחט שװער, מיט פֿרום־פֿאַרגלייז,
װי שאַרף װאָלט קנה־ושט א י ם פֿאַרקאַרבט.

װ ע ר שטאַרבט ?

אַזױ טרעט ו צ ד ק ת ך מיט אַ זיפֿץ אױף װאָרים,
און אפֿשר אױך אַזױ יאָמערט רחמן במסתּרים.

אַלע פֿאַר איינעם

אַ שאָטן, אַ באַפֿליגלטער, שאַרט זיך איבער בוים און גראָז:
צווישן אים און זון — דער שפּאַרבער!
אין לופֿט דערציטערט טויב; אויף לאָנקע — האָז.

אויף וועמען שאַרפֿסטו איצט דיַין אויג, פֿאַרדאַרבער?
און זאָג: פֿאַרוואָס
פֿאַר איַין פֿאַרלענדער,
צאַפּלען זיך אַזויפֿיל שטאַרבער?

אַזוי פֿיל בנין דורך חורבן —
ביַים איבערוואַנדל פֿון קרבן
אין אַרבער —
פֿון רמ״ח און שס״ה,
נאָך אַ קאָסמישער חיי־שעה.

סרגאַ דאַרעאָ חד הוא

הר סיני איז אומעטום, בכל תפוצות הגולה —
אויך דאָ, מיט מיר, צווישן עשום שטיבלעך.
ל"ג בעומר, אַז עס קומט, בין איך צו אים עולה,
און זוך אַלץ שפּורן, אין די גריבלעך.

פֿון די עקבי הצאן... תורה, תורה,
פֿאַרוואָס ביסטו געקומען אין גלות מיט גלות
צו אונדז? און פֿאַרוואָס, זאָג, האָט בורא
א ו נ ד ז באַהאָנגען מיט ברכות וקללות?

די ברכות, ווו זענען? לאָז אַרויס זיי פֿון יריעה!
אויף וואָס וואַרטסטו, תורה? אויף גווילין נשרפֿין?
און וועלן זיי פֿאַלן אויף די פֿעלדער, וועט שוין זריעה
אונדז ברענגען די ישועה? — ווי לאַנג וועט שלאָפֿן,

ע ר זאָ ל מ י ך נ י ש ט ש ט ר אָ פֿ ן?

אין דוכן

ווען האָבן זיי געבענטשט, די ווײַסע טויבן?
זיי געזען אין פלי, ווי האַנט־צו־האַנט,
דורך קאַלירטע שויבן
פון מזרח־וואַנט
אין דוכן.

די שול
איז געווען פול —
נאָר איך אַליין בין אַרויס:
זיי זוכן.

קיין שפור. האָב איך בלויז
אַ ל י י ן זיי אַזוי געזען?
צי זענען גאָר די איבריקע פרומער געווען,
און האָבן מיט כוונה פאַרמאַכט די אויגן,
נאָך א י י ד ע ר די טויבן זענען אָנגעפלויגן,
זיי צו בענטשן?

פאַרוואָס בין איך נישט אַזוי ווי אַנדערע מענטשן?

אַרום

צו זײַן אײנציַיטיק אומעטום,
און זען אַלץ — אַרום־און־אַרום:
פֿאַרוואַנדלען דעם אין סוף אין אַפֿס — און פֿאַרקערט,
איז בלויז די בני עליה באַשערט.

און אויב זיי זענען טויזנט — צי צוויי,

ב י ן א י ך נ י ש ט צ ו ו י ש ן ז י י.

חידוש החמה

קומט, ייִדן, צו חידוש החמה — אַבי דערלעבט!
אַזוי פֿיל זומערס, ווינטערס פֿון צער און צאָרן.
איז מער דאָס לעבן ווי צונויפֿגעוועבט
פֿון כ״ח וכ״ח גוטע־שלעכטע יאָרן?

צו מזל שבתאי האָט אויסגערונדיקט זון
איר וועג — ווי אָנגעצייכנט אין דעם מחזור הגדול —
מיר זאָלן מוסר לערנען, אַז קרײַזלויף פֿון
דער ערד — אין אַלצרוים, איז קוים אַ קאַראַהאָדל...

קומט, ייִדן, לאָמיר גיין! ס׳איז קלאָר דער הימל.
מיט קעפּ געהויבן, שטאָלץ ווי די זין פֿון שרים.
מיט פֿאָנען לעקאַך, פֿלעשער י״ש מיט קימל —
צום קײַלעכדיקן טיש, פֿאַר רײַך און אָרעם.

בית יעקב, לכו ונלכה — קומט און בענטשט
מיט עושה מעשה בראשית איר נײַ פּנים,
וואָס האָט געווידערט זיך, זינט גאָט געמענטשט
האָט גרודע ליים — אויף ששת אַלפּי שנים.

הײַנט, מיטוואָך, איז דער אויסדערוויילטער טאָג:
מקבל זון צו זײַן, טאַנצן איר אַנטקעגן.
שרײַבט זוהר: זון איז גאָט — געדענקט דעם זאָג,
ווען עשום קינדער וועלן קומען פֿרעגן:

כ״ח — איין מאָל אין 28 יאָר.

„וואָס ווילט איר פֿון דער זון?
איז ווייניק אײַך לבנה?"

ענטפֿערט:
„זיי בײדע זענען איין מתנה
פֿון איין ג־ט — און גייען צום ליכט
פֿון זײַן געזיכט".

העלפֿט אונטער סוד שיח:
„און ווער איז שמש, אויב נישט משיח?"

(ס'איז קול פֿון שׂרפֿי קודש,
וואָס האַלטן חשבון, יעדן חודש,
בײַם קידוש לבֿנה...
ווײַל אַלעמענס איז די סכּנה:
בזמן שהחמה לוקה סימן רע לכל העולם כולו
—סוכה כ"ט)
איז טאַקע נאָך אַ נס,
אַ מערכה —
וואָס מיר גייען איר אַנטקעגן מיט אַ ברכה...

— — — — — — — —

איז: קומט, ייִדן, צו חידוש־החמה — אַבי דערלעבט!

אייגנליכט

ער לערנט בײַ אַ חלבֿ־ליכטל אין זײַן קרן־זווית,
און פֿלעמל פֿלאַטערט לילאַ־רויט צום אייגנשײַן
פֿון פּנים זײַנעם. — (אפֿשר קוקט גאָר אַריין
אין אים דער ספֿר?
פֿון אים זיך צו דערוויסן,
ווי שווער ס׳איז פֿאַרן עפֿר ואפֿר
זיך פֿירן לויטן חובת הלבֿבֿות,
ס׳זאָל אבן פּקודה ז״ל גאָרנישט פֿאַרדריסן!)

ער שליסט די אויגן — שוין דער וויפֿלטער תּענית?
אַ ל י י ן אויף זיך גוזר געווען! — און שטערן, צעהעלט
פֿון אור הגנוז,
איז מאַציל, אויפֿן חלל אַרום,
פֿון זיך. — פֿאַריתומטע אותיות — פֿאַר אים אויסגעשטעלט,
און ער איז זיי מצרף: בלום נאָך בלום,
און איבער זיי אַ רעגנבויגן!

נאָר באַלד, ווי ס׳וואָלט דאָ גאָרנישט נישט געשען,
צעעפֿנט ער די אויגן —
פֿאַרריכט גיך דעם קנויט,
— — — — — — — —
ווי ער וואָלט נישט געזען,
אַז פֿלעמל טונקלט זיך אײַן, צום אויסשטראַל פֿון זײַן הויט.

פראָג

בלעטער פֿוןביימער — קופּערהענט, צעפֿינגערט, שאַרכן צום שאַר
פֿון פֿיס, אומוויליקע. אַ בלעטער־פּירועט אין פֿאַל. דורך צווײַגן —
פּאַסן זון באַשטרײַפֿן וועג. ס׳איז אַ פֿאַרנאַכט פֿון אומעט, צער
און בענקשאַפֿט. אַ פֿרעמדער בין איך, כאָטש אַזוי פֿיל אייגן
איז מיר דאָ, אין פּראָג.

צײַטן פֿאַרגאַנגענע שווימען נאָך
דורך מיר — מהר״ל און נאָך און נאָך — ביז קאַפֿקאַ:
מוחות זייערע שלאָגן זיך אָן אין מײַן שאַרבן: געפּאָך
פֿון טויבנפֿליגלען. — (וואָס טוט ער דאָ? זענאַר, דווקא
פּראָג געפֿעלט אים!)

כ׳גיי, בין מיד — אַבי אַ פּאַראַפּעט —
ס׳איז קאַרלסבריק, ענדלעך. נאָר קוק — דער טײַך אין פֿלאַמען!
סאַראַ פֿלאַקער האָט אים אָנגעצונדן? מלאָך אָדער שד?
טוט אַכטונג, ביימער! פֿײַער גרייכט שוין אײַערע שטאַמען...

קיינער לויפֿט נישט...
מיטאַמאָל הויבט זיך אויף מײַן קאָפּ
פֿון זיך אַליין: — אין שקיעה — אותיות, גאָלדיק, קאַראַהאָדיש —

ער! אויפֿן צלם זהב...
קוקט היימישלעך צו מיר אַראָפּ,
און איבער אים, זײַן דערנער־קרוין, שרײַט:
ק ד ו ש ק ד ו ש ק ד ו ש

— — — — — — — — — — — — —

און באַלד:
אַ שופֿר שאַלט:
צעוויגט זיך שטאָט,
בײַם גולמס דונערטראָט.

פרי־מגדים

אַ פּשטל
אין די פֿינגער זײַנע,
ווי אַ דימענט: שלײַפֿט זיך
רײַפֿט זיך,
דורך דעם בלישטש פֿון אייגנשטויב
צום דערלויטער, צום דערהויב,
מיט ברילִיאַנטן קלאָרע, ריינע;
אין דעם כתר פֿון דעם בורא,
נאָך אַ ליכטל פֿאַר זײַן תורה,
איבער שטעגן, אומעטום,
איבער באַרג און איבער טאָל,
ווי אַ בלום,
אַ צעבליטע, מיט בלעטלעך אָן אַ צאָל.

נאָך אַ רויז
אינעם הויז
פֿון ג־ט

* סוד *

*

אויף יענער זײַט

זכיה

א מאַסקע פֿון אבסורד,
און הינטער איר די וועלט:
אַן אומגעבורט,
ווי אַ וולד פֿאַרשטעלט.
ס׳איז נאָך גוט, וואָס דורכזיכט דערשלאָגט
צו ד י ר זיך — און קאַריקאַטורט
דײַן פּרצוף, וואָס טראָגט
אויף זיך — אַ פּנים.

אַ פֿאַטאַ מאָרגאַנאַ —
אחיזת עינים פֿון אַרצע־טייוולאָנים;
מיראַזש אויפֿן וועג,
דורך צוגעציילטע טעג,
צו נירוואַנאַ.

ווי שווער מיר איז צו כאַפּן בלעיקס רמז,
אַז אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר גלויבן,
איז בילד פֿון אמת.

און אפֿשר — ווער ווייסט? — האָט ער טאַקע זוכה געווען,
מ׳זאָל ווײַזן אים פֿון אויבן
אַ וועלט, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען.

ז יי

איך הער זיי קומען ווידעראַמאָל:
זיי שאַרן זיך פֿון וואַלד אַרויס —
אַ מחנה — ווי אַ טײַך אין טאָל —
אַ ווײַסע אויפֿן שניי. צעוויגט זיך שויס

פֿון ערד. נענטער, נענטער הילכן טריט;
זיי לויפֿן; ס׳ווערט אַ ווינט — כ׳דערשפּיר
דעם ערשטן שטויס; בין באַלד אין מיט;
זיי יאָגן דורך מײַן לײַב, מיט פֿריר

אין בלוט. אַ ווירבל שלעפּט מיך אין געדריי —
אָט טראָגט די כוואַליע מיך; אָט טרינק
איך זיך אין טויטנטאַנץ; כ׳ווער איינס מיט זיי;
און כ׳ווער צעמאָלן צווישן ביינער; כ׳זינק

ווי שטויב אַראָפּ צום דנאָ — נאָר אומגעריכט
אַ פֿײַף! אַ פּאַטשערײַ פֿון קנאַכנס. ס׳ווערט טויב
אַרום! אויס מחנה, — און מיטנאַכט קריכט
אַוועק. — כ׳באַהאַלט זיך הינטער וואַנט און שויב.

פֿאַרטאָג, ערשט, כאַפּ איך זיך פֿון שטוב
אַרויס. ס׳איז דאָך אַ קאָשמאַר געווען, געוויס!

נאָר מיטן גאָרטן שוואַרצט אַ פֿרישער גרוב,
און אויפֿן שניי — די שפּורן פֿון מיליאָסן פֿיס...

העלד און אָדלער

אַזוי איז ער געשטאָרבן,
דער העלד:
אַן אָדלער פֿאַלט אַזוי צום לעצטן מאָל:
זײַן בליק איז מער נישט אָנגעשאַרפֿט
אויף קרבן.
ער ווייסט נישט, אַז דאָס האָט ער זיך געזעגנט
מיט באַרג און טאָל.
און ווי געפּלעפֿט
ער ווערט,
ווען שנאָבל זײַנער טרעפֿט
אַן ערד,
און זײַנע נעגל, וואָס האָבן באַגעגנט
פֿון האַז ביז טויב —
זיי גראַבלען איצט דעם שטויב.
זײַן בליק איז מער נישט אָנגעשאַרפֿט.
ער, אָדלער, העלד —
ער וואַרפֿט
זיך אויף דעם האַרבסטיק-פּוסטן פֿעלד —
אַן פֿלי אין זײַנע פֿליגלען...

— — — — — — — —

און באַלד
וועט אָנשווועבן אַ טשאַטע ראָבן
פֿון ברוינעם וואַלד,
מיט זשעדנע אויגן
אין אים זיך אײַנגראָבן —

— — — — — — — —

מײַן העלד, מײַן העלד!
אַרוים איז פֿלי פֿון דײַנע פֿליגלען:
די קעלט,
וואָס איז דורך דיר אַדורכגעצויגן,
האָט הויב, דײַן הויכן, פֿאַרמאַכט
אין טרונע מיט זיבן זיגלען —

— — — — — — — —

פֿאַר לאַנגער, לאַנגער נאַכט.

קריעה

אַזוי — אין דמיון — בלײַב איך שטיין בײַם טויער
פֿון פֿירשטלעכן פּאַלאַץ. ס׳איז פֿריִער האַרבסט, צו שקיעה.
פּאַיעטאַנען,
רײַטער ציִען־אָן צום פֿעסט
פֿון טרויער;
צו שנײַדן קריעה
אויף שענסטן פֿון סעזאָנען.

אויך א י ך בין צווישן געסט,
(אַן אומפֿאַרשטעלטער).
וואָס טויג אַ מאַסקע מיר, אַז מיר אַליין
איז פֿרעמד מײַן אייגן פּנים?
ווי פֿאַלש ס׳איז וואָרט און זשעסט,
בײַם טאָפּלגילט פֿון יאָ און ניין.

אַ רוף צום טאַנץ; פֿאַרנייג — זי קומט אַנטקעגן
מיר; אַ שמייכל אויף די ליפּן, מיט אויסגעשטרעקטן אָרעם:

קאָלומבינע!

זע, און איך האָב אויסגעקוקט
אויף שטעגן —
דורך פֿעלדער קבֿרים,
נאָך דײַנע אויגן גרינע!

איצט ביסטו מײַנע. — בוקט
זיך ווער. ס׳ווערט קעלטער:
אַ גליוועער יאָגט דורך איר; זי פֿלעכט זיך אויס
מיט אומוויל פֿון געקלאַמער; — מיט יאוש אַקסל צוקט —

מײַן פֿויסט צעקנייטשט אַ פּאַפּירענע רויז.

ווינטמיל

דער פֿליגלראָד
פֿון אַלטער ווינטמיל גליווערט-איַין אין פֿראָסט ;
אין סאָד
צעבליִען זיך ביימער — מיט שטערנשניי.
מאַרצאָווער ראָסט
פֿאַרהאַמעוועט געדריי
פֿון רעדער.

איך נעכטיק אין ווינטמיל, אויפֿן וועג
צום בעל־מופֿת.
איעדער
שלאָפֿט, חוץ מיר — נאָך איבערוועק.

כ׳וויל תופֿס
זיַין :
פֿאַרוואָס די שליַיערסאָווע,
מיט איר אוהו
פֿון דאָמבראָווע,
צעכוואַליעט מיַין רו —
און וואַרפֿט
מיַין האַרץ אין מיר ;
פֿאַרוואָס איר געהיַיל פֿאַרשאַרפֿט
נאָך מער דעם פֿריר.

דערמאָנט

דו האָסט זיך אומגעקערט
צו מיר — נאָך אַ יובל באַלד,
אַן אָפּגעחלומטע. זאָג פֿאַרוואָס? צו וואָס?
ווען אונדזער בוים אין וואַלד
דאַרבט היינט מיט דאַרן שאָטן,

און שוין פֿון לאַנג האָט אונדזער שטעג
צו אים אָפּגעטראָטן
פֿאַר ווילדן גראָז
אויף טוכלער ערד...

אַ קבר פֿאַר די טעג.

אַנטשאַטנט

דער שאָטן מײַנער איז פֿון מיר אַוועק,
אַזוי זיך אָן אַ וואָרט — און ווי אָן אבר
מדולדל וואַנדלט ער אַרום. גיי פֿרעג:
פֿ א ר וו אָ ס? מען זאָגט כאַטש: איינער ליגט אין קבר;

ער האָט זײַן לײַב-און-זעל פֿאַרקנסט צום רוח,
מיט בלוט פֿאַרחתמעט — וואָלט נאָך רעכט געווען!
נאָר יאָגן זיך, נאָך איידער טאָג אויף לוח
איז פֿעליק — און ווייסט איר וו ע ן? אין סאַמע ברען

פֿון מיטן טאָג אַזוינס צו טאָן! (ווי טרײַ
ער האָט געדינט מיר! צוגעקלעפּט צום גוף —
אין זון, צי אַנדער ליכט!) — נאָר איצט? צום הימלבלײַ,
און נאַכט אַרום; א י צ ט הערט ער נישט מײַן רוף!

וווּ ביסטו, שאָטן, ענטפֿער! אויב אין צרור
הצללים — קום איך צו דיר דורך דנאָ פֿון תהום,
באַהעפֿטן זיך, בײַ אַ נײַעם יהי אור
און זינגען זה היום:

דער טאָג,
ווען וואָג
מיט שאָטן
איז ווידער צוזאַמענגעקנאָטן.

ראָד אין ראָד

אַ קײַלעכדיקער יתום איז מײַן חבֿר. אפֿשר אַכט,
ווער ווייסט? — די מעטריקע פֿאַרברענט נאָך פֿאַר דער שלאַכט.
ער זאָגט, ער איז שוין אויסגעווען אין אַלע שטעט;
(אין איינער ליגן טאַטע-מאַמע). ווען ער זעט
מיך אויף דער גאַס, איז לויפֿט ער צו; ער קומט צו מיר
אין שטוב — אַן אייגענער — —ער קלאַפּט נישט אין דער טיר;
ער איז מיר ווי אַ ברודער... עלטער צוויי-דרײַ יאָר;
און ער קען אַלץ! איר גלויבט נישט? פֿרעגט אים נאָר!
פֿון פּיפּערנאָטער, ווייזלטיר, לויתן, שור הבר
און יאַמקאָטער — אַפֿילו חיות פֿון פֿאַר דור
המבול — ז י י, זאָגט ער, האָט ער געזען. וואָס טויג
נאָך מער? דערמאָנט אַ קאַלמיק, מיט אַ דריטן אויג,
באַשרײַבט ער אײַך דעם שוואַרצאַפּל — און ווילט איר, מאָלט
ער אויס די ווײַעס, אויבן, אונטן, ווי ער וואָלט
געציילט זיי איינציקווײַז. — אַזוי צו וויסן אַלץ,
דאַרף איינער, זאָגט מײַן באָבע, דורכגיין היים און קאַלטס.
דערצו אַ לשון! הערט איר? קומט נאָר עפּעס פֿון
זײַן מויל אַרויס — איז נאָך אַ זאַך דאָ אונטער זון —
אַזוי איז ער מײַן חבר...

מאָדנע, אַז פֿון אים
קומט־אויס מיר אַלץ אין הווה רעדן, ווײַל זײַן שטים
קלינגט אַלץ אַריבער — נאָך אַ יובל — יענע לײַט,
משׂכּילים, סקעפּטיקער, וכּדומה, אָן צעשפּרייט
פֿון פֿליגלען...

ווידער עבר ווײַטער: קומט ער צו,
מײַן חבֿר. זאָגט מיר: „נעכטן, שפּעט בײַ נאַכט, ווען דו
ביסט שוין געשלאָפֿן, גיי איך מיר די שול פֿאַרבײַ.
ס'איז שטיל און פֿינצטער. הער איך פּלוצים אַ געשריי
פֿון דאַך. איך הויב מיט שרעק דעם קאָפּ, דערזע: אַ בליץ
אַ לאַנגער שפּאַלט דעם הימל — אַזוי פֿיל ליכט אָן היץ!
צעשאַרן זיך די העלפֿטן, דורך אַ ראָד אין ראָד
דערזע איך אין דער מיט..." — ער ראָמט מיר אײַן אַ סוד,
און לאָזט־אויס הויך — „נו, שרײַ איך אויס כּל־טובֿ! דער רבֿ
וואָלט אויך אַזוי געטאָן!"

ווו איז מײַן חבֿר? — כ'האָף
אַז ער איז נישט, מעשׂה־חנוך, אַוועק פֿון וועלט,
פֿריצײַטיק, ווי פֿון שטאָט — און מיר האָט ער אַזוי געפֿעלט!

פון איין בוים

א צווילינג — טראָפּנס וואַסער!
נאָר בכור איז בלאַסער —
אוןביידע ציט צו הייך:
ד ע ם צו זון, און ד ע ם צו לבנה,
און קיין סכנה
צאַמט נישט זייער גרייך.

ווער ווייסט באמת,
וואָס ס׳האָט זיי געצויגן.

אין זייער סוף איז אָבער געווען א טיפער רמז...
— — — — — — — — — — — — —
און ס׳לאָזט זיך טאַקע עפּעס דרינגען דערפון:
ווייל דער, וואָס האָט געקלעטערט מיט אָפענע אויגן —
אים האָט נישט געדינט די זון;
נאָר דעם צווייטן האָט די לבנה, מיט א י ר ע שטראַלן,
נישט געלאָזט פאַלן.

פון צווילינג איז דער נאכטוואַנדלער געבליבן...

א ז ו י א י ז א י ן ש ט א ָ ט י ש ן פ נ ק ס פ א ַ ר ש ר י ב ן.

אַזאַ נאַכט

אַ נאַכט, אַ בייזע, איז אויף אונדז געקומען.
וואָלט עמעץ כאַטש געווען געוווּסט, פֿאַרוואָס!
האָט אונדז צערוישט דער גסיסה־דופֿט פֿון בלומען;
פֿון פֿלאַטערלעך דער אויסהויך, וויאַל פֿון גראָז?

אַז הערצער זאָלן זיך אַזוי צעבילן,
ווי הינט, צעוועקט דורך וואָלפֿישן קאָשמאַר?
געמיטער זאָלן זיך אַזוי צעשפּילן,
אין טראַנס, פֿאַרווירבלען זיך מיט דעם ווירוואַר?

און פֿינצטערניש צעפֿלאַקערט זיך מיט פֿלאַמען,
נאָך שוואַרצערע ווי תהום — און זייער זשאַר
איז שאול. מיר וואַנדלען זיך אין אַש צוזאַמען —

אַ בייזע נאַכט געקומען; וואָלט ווער געוווּסט,
פֿאַרוואָס? — ווער וויגט מײַן האַרץ, ווי גלאָק אין ברוסט?

שטום־געשריי

ווער איז ער, ווער — דער אָפּגעפּליקטער זקן?
ער האַלט זיך מיר אין קאָפּ אַזוי פּיל יאָר —
האָב איך אים ווען אַמאָל געזען? כ'ווייס נאָר,
אַז ווען ער קומט צו מיר, פֿאַר בליק,
דעם אינערלעכן, צעקלינגען ווילד זיך גלאָקן;
פֿאַדקאָוועס שפּריצן פֿונקען; הײַזער אין צעוויג.

ווער איז ער, ווער — דער ייִד? צעבלוטיקט איז זײַן פּנים;
פֿון ווײַעס שווימט אַן אויג; אין שטום־געשריי
זײַן מויל צום הימל, דורך וואָלקנבלײַ,
אַרויף. און שטומער נאָך איז קול צוריק...

ווער קנעלט מיט מיר כּרחם אָב על בּנים?
ווער איז דער ייִד — און צווישן אונדז דער שטריק?

סעודה

אַ קופּערהימל צווישן ערד און כּסא־הכּבֿוד:
די טרויבן דאַרבן אויף די שטראָנגען:
פֿון דורשטיקע לעמער
די צונגען אַרויסגעהאָנגען,
און פּוסט וואַקלט זיך דער עמער,
אַהין און אַהער — איבערן מויל
פֿון ברונעם, זײַן ריח טוכלע־פֿויל.

בײַם פּאַסטעך, וואָס האָט זיי געבאָוועט,
קילט־אויס זיך אין האַרץ די קויל.

אויף צווײַגן דאַרע — גראַניטענע ראָבן;
און ווערים אין דער קוואַרער ערד —

פֿאַר זשער — בשותּפֿות — באַגראָבן
זיי שנאה — די זאַטע סעודה איז ווערט!

גלגול

ס'איז פּורים
בײַם מעטאַל;
אַ מאַסקנבאַל!

זעקס סאָלדאַטן שטעלן־אויף אַ רושטאַוואַניע
אַרום דעם גלאָקנטורעם.

נישט אים צו באַשיצן קעגן שטורעם.

זיי שטויסן אין די אָקסן;
און פֿון צווישן מאָך,
וואָס איז דאָרט אָנגעוואַקסן,
פֿליִען אַפּיר אַ קאַניע,
אַ וואָראָביי — מיט צעשראָקענעם געפּאָך.

סאָלדאַטן, זיי גייען אויפֿן טורעם מיט דלאָטן
און צוואַנגען,
צו באַרויבן אים פֿון קלאַנגען;
צו פֿאַרוואַנדלען זיי, די גלאָקן,
אין קאַנאָנען —
קעגן די באַטאַליאָנען
פֿון גאָט צי שׂטן.

פֿאַרוואָס שווײַגן זיי די באָקן?
— — — — — — — — — — — — —
צו אונדז, ייִדן, זענען זיי געקומען,
געקוואַקעט ווי די פֿרעש;
אַוועקגענומען
דעם קופּער און מעש.

די לײַכטער — גריבלעך אין ציגל;
די חלות — ליים.
און אָן אַ קליאַמקע בײַם ריגל
איז אונדזער היים.

אַ מלאך זאָל אַ ריר טאָן מיט אַ פֿליגל?

הרהור

מיט צעגאָפּלטער צונג פֿרעגצייכנט שלאַנג,
און כאַטש בלויז אין געדאַנק,
דערציטער איך אין לאַנגן פֿריר,
ווען זי אַנטפּלעקט זיך פֿאַר מיר.

מײַן פֿרײַנד, אַפֿילו אַ טרוס,
האָט אויסגעטראַכט פֿאַר זיך אַ מאָנגוז:
ער לאָזט זיי בײדע טאַנצן אַ וואַלץ,
ביז מאָנגוז איבערפֿלינקט
שלאַנג — און זינקט
זײַן שאַרפֿן צאָן אין איר אָנגעפּוישטן האַלדז.

ער זאָגט, ער האָט אין זײַן נאָרע
אַ חיה קעגן יעדער מחשבה זרה,
אַרײַנגערעכנט שוין דעם — יצר הרע.

האַלבזון

אַ האַלבע זון אין וואָלקן גריבעם;
אַ האַלבע, בלוטיק, דורך וואַל,
אַ דינעם —
און פֿון אַ י ר אַ פֿונאַנדערשטראַל
מיט ווייזלהערנער.

און פּלוצים וואַקסן אויף די צוימען
דערנער;
די ריסן אויף די אַלטע מויערן
לינירן זיך אין וואָלקולאַקן. זיי הויערן
אַ רגע, און שפּרינגען אַרײַן אין די טרוימען
פֿון קינדער, וואָס זייערע צייכנס קריגן
נײַעם באַטײַט
אויף די טראָטוארן.
זיי שאַרן
זיך אין שטיבער.

צ ײַ ט
שלאָפֿן גיין;
און ווער וועט זיי פֿאַרוויגן
אין די גריבער?

אין שאַרבנס ציטערן די ציין.

נישט ליאַדע וועך

און ווייסט איר, ווער מיך וויגט צום שלאָף?
דער קעניג פֿון די סאָוועס!
און ווייסט איר, וואָס מיך וועקט פֿון שלאָף?
דער קלאַפּ פֿון די פּאַדקאָוועס
פֿון די פֿערד, שדים־פֿערד,
טאָפּל־עקן, ציגן־בערד —

געכאָוועט זיך אויף קאָברע־מילך,
געוועלט אין מולכס פֿלאַמען;

אויב אַלע קינדער זענען בילך,
ביים טאַטן און דער מאַמען,
איז קושן מײַנע מיט אַ הילך,
אַז ס'ברעכן זיך די שטאַמען!
און ס'קרעכצן דעמבעס, ווײַנען ביטער
אויף שווערן בראָך אין טײַוולס גיטער,
אויף אומגעריכטן גרויל־געוויטער...

טאַקע דאָרט וואָרט ער

לבֿנה, אָפּגעגריזשעט, שײַערט זיך אין לאַכעס וואָלקן —
און צײַט צעקריכט זיך... מילכוועג אויסגעמאָלקן —
אויף גראָזן צאַנקט-אויס טוי;
און לעצטער שפּור פֿון ליכט וועפּט-אויס פֿון בלוי.

אָט קומט אַש-און-פּעך אויף ערד,
און פֿינצטערטייג יערט און יערט
פֿאַר אויסקנעט פֿון קוקלעס, געצן, זמאָרעס.

אין ישוב — און אָרום — שאַרט זיך סקרוך אַנטקעגן —

ווו לויפֿסטו? בעסער וואַרט! ע ר קומט מיט אַ ל ע וועגן.

גאַרגאָילן

בײַם בריקל צום בעלוועדער לאָקט אַ מירמלספֿינקס,
אויף ליפּן אירע שפּילט אַן אומגעלייזטע חידה ;
אַרום איר האַלדז אַ קאָלנער, מאָכיקער ; רעכטס און לינקס
גאַרגאָילן, מיט גאָרגלען אויסגעטריקנטע, מידע

פֿון פֿיליאָרהונדערטיקן פֿלירט ; פֿון טראַכט דעם שווערן —
איז שטערן באַזאַלטענער אַזש געפּלאַצט : „אַז שטיין, איז וואָס ?
נאָר טײַכל אונטער אונדז איז עדות צו די טרערן,
וואָס האָבן זיך געקאָלערט מיט צער און מיט פֿאַרדראָס !

„צו־לאַנג געריצט זיך ! ווער וויל שוין טרעפֿן איצט
אַ רעטעניש ? אויב לוין איז מער נישט ווי אַ מאַשקאַרע,
וואָס צײַט האָט אין דײַן פּנים, ספֿינקס, געקריצט ——

אָט קומט מאַדאַם גאַרגאָיל ; גאַלאַנטן, מאַכט אַ וואַרע !

סיריוס

אַ הירש, אַ טויט־געטראָפֿענער, דערשלעפּ איך זיך, אין וואַקל,
צום קוואַל אין וואַלדס געדיכטעניש, אום דאָרטן אויסצוגיין
מיט אייגענע אָרום, ווײַט פֿון הינט און האָרן — כאָטש אַליין
אין גסיסה — דאָך מיט ווידוי, אומגעהינדערטן סך־הכל.

אַזוי פֿיל ביימער צווישן מיר און רודפֿים, אַזוי פֿיל מײַלן —
אַ סגולה צו פֿאַרגעסעניש, אויב ווער באמת דאַרף
געדענקען, האַלטן חשבון: וועמעס האַנט ס'האָט שאַרף
צי ברען אין מיר געצילט. — לאָמיך נאָך אביסל ווײַלן,
נאָך איידער לעצטער אָטעם וועט הייסן מיר אָפּצאָלן
פֿאַר יעדן טראָפּן זון, וואָס האָט מיר געהאָלפֿן ו ו ע ר ן —

ביז יענער בייזער שעה, ווען אויג פֿון סיריוס, דעם שטערן
פֿון הינט, פֿאַרענדיקט יאַגד אויף מיר איבער בערג און טאָלן...

ווי אומגעדולדיק וועכטער קלינגט מיט בינטל שליסל.

לאָז ווײַלן נאָך אַביסל!

צוזאָג

זי טויכט אַרויס פֿון נעפּל — אָן אַ וואָרט:
אַ חידה טיגערט פּריזמיש אין איר בליק;
בלויז פֿרעגצייכן. כ׳דאַרף ראַטן פֿון אַקאָרד
דעם אָפּגעשפּילטן ניגון — אומעט? גליק?

זאָל זײַן דורך רמז נאָר מײַן טרעף;
דורך פֿולסטן אומגעזאָג,
אַ סיג
לחכמה. איך צאָל מיט פּלעף
פֿאַר שטוין.

מײַן לוין?

ווייסט זי—און איך... אין צײַטס פֿונאַנדערוויג.

גרויסשטאָט

פּאַריז. אונטער פּינפּלאָמפּיקן ליכט
די שוועסטער פֿון פֿינצטערניש. אויגן — טיף אין קאָפּ.
זי וואַרט. מיטנאַכט קריכט
און שלעפּט תכריכים שוואַרצע מיט. ס׳אַ באַרגאַראָפּ —
משופּע הייזער־שורה, שטייגער־עפּילעפּסיע, קאַטאַראַקט:
באַלקאָנען, דעכער־פֿאַל.
צוזאַמענקום פֿון ווײַזער — אויבן. אַנטראַקט
בײַם פֿונאַנדערפּראַל
פֿון מעת־לעת
אינצווייען.

זי וואַרט, ווי טרויב פֿאַר פּרעס —

ווי דורשטיק מוז דער טרינקער זײַן,
דער ווײַן
זאָל אים דערפֿרייען!

אלול

אלולדיק קרײַזלט ווינט דעם וואַסערפּלאַך בײַ מיל —
וואָלקנס דרויבלען זיך אין צעשמעטערטן שפּיגל;
אַ קאַרפּ טוט אַ בליאַסק; לופֿט איז אים צו־קיל...
ער טוקט זיך טיף, אוים מורא פֿאַר געפֿליגל.

באַגין האָט שוין דעם האַרבסט דערפֿילט; געקאָרטשעט
אינדרײַען ביימער און גראָזן; זיי אײַנגעגרויט
אין טוי־פּראָסט. ס׳איז גרוילטאָג, און ס׳וואָרטשעט
מיט וואָראָנע — טויב, און ס׳אָבלט ציגײַנערם בויד.

צו קליין איז טײַך פֿאַר שיפֿלעך, נאָר גרוים
גענוג פֿאַר אויפֿדערוועק פֿון ברוינעם אומעט —
אַ טרער אויף ליליע, קאַנוואַליע און רויז,
אויף אָפּגעפֿליקטער ווערבע, וואָס שטייט און דומעט:
זי זעט אין כוואַליעס פֿילברוכיקן געצוויַיג,
און פֿאַרגייט אין טיפֿן, בוימישן, שווײַג.

ווענעדיק

ווענעדיק, זאָג, ווי קאָן עפּעס געשען
אַזוינס — וואָס מיר האָט נישט דײַן גלאָז
אין האַנט געפּלאַצט, כאָטש ס'איז געווען
אַזוי פֿיל סם אין אים? פֿרעג איך: פֿאַרוואָס

קומט מיר צו חלום קאַנאַלעטאָ?
האָב איך זײַן כלה צוגערויבט?
ער גייט אויף מיר מיט אַ סטילעטאָ;
איך עפֿן מויל צו שרײַען; ער פֿאַרטויבט

מײַן קול מיט סאַמעט-מאַנטל: — „שווײַג!"
באַפֿעלט ער מיר; פֿאַרבײַסט די ליפּ.
ער רײַסט אַ פֿײַג פֿון רויזנצווײַג,
הייסט וואַסער שעפּן אין אַ זיפּ.

„ווענעדיש גלאָז זאָגט נישט קײַן ליגן;
געווען דער סם איז אין דײַן קאָפּ.
זיפּ, זיפּ, ס'איז זיסער ווײַן, ציקלאָפּ!
האָסט ווידער שלעכט געציילט די ציגן..."

באַווײַזט זיך מאַרקאָ פּאָלאָ מיטאַמאָל:
שלעפּט מיך אַרויף צו זיפּצנבריק;
לוקרעציאַ נעבן אים — צו-שמאָל
פֿאַר דרײַ, דערצו מיט שלאַנג אין וויג!

זי רופֿט איר פֿאָטער: „קום, ראָדריגאָ!
אין אונדזער ליכטל צאַנקט דער פֿלאַם...
זײַן פּנים איז שוין באַלד אינדיגאָ —
ס׳אַ נײַער אומבאַקאַנטער סם.

„נישט אויסגעזאָגט האָט גלאָז דעם סוד —
און גאַנץ געבליבן — גוט אַזוי!
דו פֿאָלג מיך, פֿאָטער — נעם מײַן ראָט;
קום פֿאַרבן שטאָט אויף בלוין־און־בלוי!"

און רויט פֿאַרבט טיציאַן; גרוי, בעליני,
אויף טונקלגעל אַ פּימפּסנבוים.
„אַוועק, לוקרעציאַ, גיפֿטיק־גרינע —
מיט פּויפּסט, דײַן טאַטן, קריק קײַן רוים!

„איצט, קאַנאַלעטאָ, קום אַהער —
פֿאַר דײַן טאַלאַנט ביסטו צו־ווילד".

אַ זשעסט, אַ ווונק, אַ טראַכט, אַ קלער —
זיי מאָלן אים אין דאַלים בילד.

אינדרויסן רוישט דער קאַרניוואַל;
מיאַזמע טראָגט זיך פֿון קאַנאַל.

בײַ זײַ

ס'איז שפּעט.
אין פּריסעק — דער זשאַר אײַנגעזונקען.
פֿלעשער לײדיק — גלעזער אױסגעטרונקען.
פֿון מעד —
פֿאַרבליבן
אַ גאַליקער גומען;
אַ פּאָר טראָפּנס אױפֿן טיש;
און אָנגעקליבן
אױף זײ פֿליגן. זײ היפּקען און זשומען,
און רײַצן זיך מיטן פֿלעדערװיש.

קאַנעצל זשיפּעט,
און איקעט און זיפֿצט —
קאָפּטשעט-אױס מיט דינעם געשריפֿטס
אַ רױכל. דורך קױמען כליפּעט
די נאַכט.

איקאָנע װאַכט.

האַשיש

אַמאָל איז דאָ אַ שטאָט געווען — און הײַנט אַ דערפֿל קוים.
נאָך בערגלט זיך דער מאַרק מיט רעשטלעך אונטער גראָז.
דורך ברוכוואַרג, קראָפּעווע, פֿאַרבלאָנדזשעט איז אַ בוים
צום פּריצס אַלקער; וואָרצלט צווישן שערבלעך גלאָז
און פּאָרצעלאַן, אַ באַלדאַכים אויף — הימלבעט,
וואָס איז מיט אַש און שטויב פֿאַרפֿלויגן,
זינט שונא האָט פֿאַרבײַגעצויגן
מיט שווערד און פֿײַער: — קראָ, שאַקאַל צו פֿולער זעט.

און תושב נײַער גייט פֿאַרבײַ מיט גלײַכגילט דעם גראַף
מיט גרעפֿין, אין בראַנדז-פֿאַרגליווערטע, ווײַל אײַנגעקנאָטן
אין שכחה האָט זיי צײַט. געדענקט נאָך ווער, אַז זי האָט מיט אַן אַף
געפּאָרט זיך, און זאַלץ אויף מײַל אַ האַלבער אָנגעשאָטן:
צו שליטלען זיך אין טראָיקאַ, בײַטאָג, אין מיטן תמוז?

אַז ער האָט בתולים — פֿון די מיידלעך, לשם שׂטן,
גערויבט אויף די לײַבער פֿון האַשיש-באַרוישטע מאַמעס?

אַוואַטאַר

צווישן בלעטער פֿון דער צײַט
דערזעסט אַמאָל: אַ בלום
וועלקט אײַנגעפּרעסט.
איר מין, שוין לאַנג, לאַנג אויסגעלאָשן;
איר פּאַרפֿום,
איר ל ש ו ן,
איר זשעסט —
ביליאָניאָריק ווײַט.

און אויב דערשפּירסט דעם טיפֿערן אַטאַר
פֿון בלום —
איז זי פֿאַר דיר מער נישט שטום;
זי איז פֿון גאָט אַן אַוואַטאַר.

און רופֿסט אויס:
אָם מאַני פּאַדמע הום!

מיסטישער שפּרוך פֿון צפֿון בודיסטן —
אָם, די צירונג, איז אין דעם לאָטוס: אָמן.

ז י י ע ר וואַלץ

אַזוי איז דער גראַף זיך שוין נוהג — בײַם יערלעכן באַל:
נאָך פּאָלקאַ־מאַזורקאַ, דער רווישיקער, גיט ער אַ צייכן:
די פּאָרלעך צעשאַרן זיך, ווערט באַלד גערעמער דער זאַל.
זשיראַנדלען קרישטאָלענע טונקלען זיך אײַן אין די הייכן.

אַ ווונק, און קאַפּעליע שפּילט ווי ק אָ ן ס אָ ר ד י נ אָ—„וואַלס טריסט",
און שוואַרצע צעגיסן זיך כוואַליעס, פֿאַראַבֿלטע קלאַנגען.
איצט טאַנצט ניִשט אַפֿילו דער גראַף — און דיל גליווערט וויסט;
דער וואַלץ איז פֿאַר שאָטנס, וואָס זענען אַרונטערגעגאַנגען

פֿון גרינער אַרענע; אין אייביקייט זיך אײַנגעוועבט.
קאַפּעליע צאַמט דרײַ־פֿערטל; ס'טראָגן זיך זײַדענע שאָרכן:
„מיר האָבן — ערשט לעבעדיק — איבערן זאַל דאָ געשוועבט".
— — — — — — — — — — — — —
די פּאָרלעך, זיי טוליען זיך ענגער; זיי שווײַגן — און האָרכן.

קאָן סאָרדינאָ — מיט אַ דעמפּער, אײַנגעשטילט.

קרייד

אין בלויליכט ווײַנט מאַנדריש — שנירלעך
טרערפערלעך איבערן קרײַדלעכן פנים.
ער וויל זײַן, מאַנדריש, צירלעך־מאַנירלעך,
נישט וועקן די מחותנים.

קלאַפּ־אָן אין דער טיר! די טיר איז דײַנע;
אין אַלקער וואַרט שוין אויף דיר אַ קישן
בײַם קישן. — נאָר ווער ליגט דאָ אינצווישן?
פֿאַרוואָס זענען אירע מחשבות נישט ריינע?

אַרײַן גיי, מאַנדריש, דו זוך נישט קיין גליקן!
איז וואָס, אַז אין בעט וועט זײַן נאָך אַ דעה?
ביסט אַלט געניג, דו זאָלסט טרערן דערשטיקן —

נישט אַלץ איז זיס, ווײַל ס׳הייסט דולצינעאַ.

אויפֿקלאַנג

בײַטאָג. אַ שאָטן דעקט זונליכט, און רזין דרזין
פֿון זײַן ברודער אין לבֿנהשײַן.
אַזוי האָב איך געלערנט בײַנאַכט פֿון די גראָזן,
בעתן שפּאַציר איבערן פּאַרק. ווי זאָל דען אַנדערש זײַן
אין זילבערנעם חלום? לבֿנה אויף בלעטעלעך,
אויף שטיינדלעך, אויף דריבנע בלימעלעך —
הער!
סודעט זיך ווער?

ניין! ס׳איז נישט קיין שעפּטשערײַ! נאָר די שטימעלעך
פֿון שרעטעלעך...

פֿון עבר ווײַטן ציט־אָן
אַ טרעמאָלאָ פֿון בלויען טאָן
דורך קלאַנגען גרינע —

איך הער אַרויס
אַ נײַעם דאַ קאַפּאָ אַל פֿינע.

צו סטרונעס פֿון האַרף וויגט דער ווינט
אַ רויז,
אַ צעפֿלאַמטע ווי זינד.

DA CAPO AL FINE:
אין מוזיק — פֿון אָנפֿאַנג ביז
סוף, אַ סיגנאַל פֿאַר ווידערהאָלן.

נקמה

און ענדלעך קומט נקמה אויף מײַן שׂונאס שטאָט:
אַ האַלבע טרייסט כאָטש צווישן וואָך און דרימל;
צו זען — פֿון דרויסן — הימל

דורך פֿענצטער אויסגעבראָכענע.

אַ דריי האָט ווער געטאָן מיט מזלראָד;
האָסט שלאַכטן נײַן געוווּנען, פֿאַרשפּילט
די צענטע—
און מיט איר קריג!

נאָר וואָס מיינט איצט פֿאַר מיר, דער זיג?
איך גיי פֿאַרבײַ מײַן נעכטיקן באַצווינגער,
און זוך אומזיסט אויף קופּערשטערן
אַ צייכן פֿון גאָטס פֿינגער.

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָך וואָס אַ בראַנדמאַרק, אַז קין איז אינדערהיים געבליבן,
און שטשירעט ווידער וואָלפֿישע ציינער,
און קאָוועט נײַ כלי־זין?
ווען הבֿלס ביינער
האָט קיינער נאָך נישט צונויפֿגעקליבן
פֿון איבער ימים זיבן?

דערקענט ער מיך, דער שונא? געוויס,
דערקענט ער מיך! און ווי ער מעסט מיך אָפּ
פֿון קאָפּ
ביז פֿיס.

אין זײַנע בליקן טאַנצט אַ שד,
ווי אײנער רעדט:
„נצחונות צי מפּלות
(ס'האָט זיכער נישט געלוינט דער קרבן):
נאָר איך, מײַן ליבער,

שטײ־אויף פֿון חורבן,
און דו? דו ביסט אַלץ בײַ מיר אין גלות —
און איבער דײַנע גריבער,
(אַז אָנדענק נאָך מײַנע חילות)
געבויט האָבן פֿרעמדע — שטיבער.

נקמה? זיגער? ווער האָט דאָ פֿאַרלוירן?
אַז קין דאַרף נישט זוכן די בנות לילית,
כדי צו באַשלאָפֿן
זײ, די שוועסטער, וואָס אָדם האָט פֿאַר אים מיט איר געבוירן.

ווער ווײסט? וואָלט איך נאָר דעם וועג געטראָפֿן
צו דעם, וואָס הײסט זיך פֿון מיר קרויגען!
— — — — — — — — — — — — —
וועט ער אַמאָל זיך לערנען, ווי באַלוינען
און ווי באַשטראָפֿן —
פֿאַר קינס תיפֿלות — און פֿאַר הבלס תפֿילות?

כשוף־פֿלוך

די קאַנדעלאַברע פֿון פּולאַפּ וויגט זיך צווישן ווענדלטרעפּ ;
קרישטאָלן קלינגען לײַכט צום ווינט

דורך פֿענצטער אומבאַשויבטע.

און אויפֿן דיל געקרויזטע אַלאַבאַסטער־קעפּ.
זיי קוקן בלינד
דורך אויגן
פֿאַרשטויבטע.

גירלאַנדן גרויע — האָבן שפּינען
געצויגן ;
פֿאַרהאָנגען די גאָבעלינען.

און פֿון גאַלעריע הענגט
די באַלוסטראַדע —
אַ ל י י ט ע ר
פֿאַר נאַיאַדע
און איר באַגלייטער :
אַ גנאָם ! — און ווי ער בענקט,
נאָר נישט נאָך איר !

ער דרייט דעם קאָפּ
אַראָפּ
צו דער דריאַדע,
אַריבער דעם קלאַוויר,
שוין לאַנג־פֿאַרשוויגענעם אין זשאַווער.

מיַין חבֿר
און איך האָבן זיך דאָ אַמאָל
געשפּילט. (ער איז געווען ייִנגער
און שוואַכער).
געכאַפּט האָט א י ם דער זנאַכער.
און ווי ער האָט געצאָרנט
מיט כריפּלעם קול:
„ארויספּליקן וועל איך איַיערע צינגער,
אויב כ׳פּאַק איַיך נאָכאַמאָל דאָ!"

מיַין חבֿר — כאָטש אַ חלש —
דערשרעקט זיך נישט פֿאַר אים און זאָגט:
„ר׳איז קהלש
דער זאַמעק..." — און דער זנאַכער שלאָגט!

— — — — — — — — — — — — —

אין אַ שוואַרצער שעה
איז ער, מיַין חבֿר, ווידער געגאַנגען,
שוין אָן מיר.

ווען ער האָט זיך דערנאָך באַוויזן אויף דער טיר,
האָט יעדער געקאָנט זען,
אַז ס׳איז עפּעס מיט אים געשען!
ווי אַ שדכע וואָלט אים געפֿאַנגען.

אַז איינעם גליקט

איז איינעם ביטער בײַם לעבן, איז אים גראָד נישט בעסער,
אַפֿילו נאָכן טויט — כ׳מיין טאָקע אויף א ו נ ד ז ע ר וועלט:

ער איז געווען אַ טרעגער, געדזשוויגעט זעק, מעבל, פֿעסער,
און וואָס נישט? ווי אַ הונגעריקן גיבור פּאַסט.
ביז איינמאָל טרעפֿט: שטריק רײַסט, און ער פֿאַלט אונטער לאַסט.

אויף זײַן קבֿר האָט קהל אַ שטיינדל אויפֿגעשטעלט,
און נאָכן פּלוני בן פּלוני הכּהן אויסגעקריצט:
„כּרע נפֿל תחת משׂאו" — אונטער צוויי הענט,
אין לשון, וואָס דער נטמן האָט גאָרנישט געקענט.

איז, דוכט זיך, שוין גוט! טרעפֿט, אַז ס׳בליצט
אין מיטן שבֿת, דווקא ווען זאַווערוכעס ווייען —

אַ בוים פֿאַלט, און ברעכט די מצבֿה אינצווייען...



סתם אַזוי

טאָפּלטראַכט

דערציילט מיר ווידער מײַנער אַ בן־עיר,
אַז שטאָט איז חרוב. ער איז דאָרט געווען,
אַליין געזען. ער רעדט — און דאָך — בײַ מיר,
אין קאָפּ, איז קיינמאָל גאָרנישט ־נישט געשען.

די זעלבע הײַזער, ייִדן, זעלבע גאַס:
פֿון ערגעץ הילכט אַ פּויק, אַ צימבל קלינגט,
און פֿידל, פֿליט פֿאַרקוויטשען מרוק פֿון באַס;
אין שײַן פֿון שטורקאַצן אַ קוילעטש שפּרינגט.

פֿון אונטער חופּה גייט... „כ'זאָג דיר, סדום!" —
ציט ווײַטער מײַן בן־עיר — „סײַ גוי, סײַ... וואָס
איז דאָ צו רעדן?" ...כ'שפּאַן איבער תהום
פֿון יאָרן: פּוסטער שולהויף, שערבלעך גלאָז

צעפֿינקלט; וואָלך פֿריילעכער פֿירט־אָפּ
די חתן־כלה... „ווייסט?" — זאָג איך — „ס'איז שפּעט.
און וואָס טוט זיך אַזוי?" ער שאָקלט מיטן קאָפּ:
„נישקאָשע. נו, און דו?" איך ענטפֿער: „עט..."

פֿון אות צו אות

רפֿאל דער סופֿר אין הײַנט זיך מטפּל
מיט אַ נאַסער פּרשה.
ער ווישט די באָרד, אַ פּאה, אַ ברעם,
און אונטערן קאַפּל —
נאָך טבֿילה פֿאַר איטלעכן שם.

און מירל, זײַן שוואַרצאַפּל,
ווישט פֿון אויג אַ טרער.
זי טובֿלט זיך איצט אין אַ ראָמאַן,
וואָס אַ געלער ממזר באַקט דאָרט אין וואַרשע:
„פֿאַרגעם וולאַדעקן" — לייענט זי — „כ'וואַרוועך
דיר אים צו זען!" אַזוי סיטשעט בייז איר מאַן.

מירל פֿאַרבײַסט די ליפּ ביז בלוט.

אויף פּאַרמעט שוואַרצט זיך נאָך אַ יוד...

הידור

אויסגעטאָן די תּפֿילין, פֿאַרוויקלט ער די רצועות,
פּאַמעלעך — אין צירלעכע כּנפֿי־יונה;
ער האָט נישט קיין מורא — גאָט צו לויבן! —
אַז ס׳זאָל אים אונטערקומען אַ שׂונא,
זיי זאָלן אים מוזן אָוועקפּלײַען ווי צוויי טויבן —

אלא וואָס דען? ער איז גאַנץ אַנדערש — און אַזוי
איז ער זיך שוין נוהג: אַז וואָס ער טוט,
איז טוט ער לנוי: —
אי שיין, אי גוט,
און טאַקע איידל!
נישט דווקא די רצועות.
בײַ אַלעמען אַזוי — פֿון גיסן אַ דריידל
פֿאַרן אייניקל, ביז מאַכן רייזעלעך פֿאַר שבֿועות —
און ציצית וואַרפֿן,
אַ הדסל פֿלעכטן,
און — מ׳זאָל נאָר נישט באַדאַרפֿן —
צונויפֿשטעלן דעם יאַרטשעווערס רפֿואות.

אָט, דוכט זיך, ערשט נעכטן,
ווי כ׳שטיי נעבן אים אין קלויז;
און פֿאָלג נאָך זײַנע פֿינגער מיט מײַן בליק.

זײַן דבֿיקות און זײַנע תּנועות —
זיי האָבן פֿאַר מיר געפֿלאָכטן דעם שטריק
צו כּביכול הייליקן הויז.

על רגל אחת

הענט — זייד; אַ קול — סאַמעט:
אַזוי איז מיַין מלמד.
אים פּאַסט צו הייסן הלל. ער ווערט נאָר ווילד
ביַי „ומכּה אביו״.
אַזוי אָבער איז ער מילד,
ווי ביַי „היום אתם יוצאים בחודש האביב...״

טאַקע אַ דאַנק אים, געדענק איך נאָך עפּעס אַמאָל
צווישן „בראשית״ און „לעיני כל ישראל.״

גיי וויים, ס׳וועט אַמאָל זיַין אַ גמרא,
אַ רבי, אַ שמאַי!
וועט מיך האָדעווען מיט מרה,
און רופֿן רמאַי,
גראָבער קאָפּ, פּויער —

פֿון גאַנצן קנעלן זיַינעם איז מיר געבליבן:
אַ צעבראָכן אויער —
און אויפֿכאַפּ פֿון שלאָף, אין שווייסן זיבן.

אָן דער לֿמד

אַזאַ שליסל, ווי צו דער שול-טיר, דער אײַזערנער — אַזאַ ריז!
דאַרף אָפּשאָקלען זיך פֿון דער למד, און זיך רופֿן: ש ל י ם!
אַ מערכה, ער איז ווי דער ארון אַ נושא את
נושאיו — אַניט ווי וואָלט ס׳שמשל, וואָס איז הויך
קוים ווי די קליאַמקע, געגומען כּוח
אים אויפֿצוהויבן און אויפֿמאַכן אַזאַ שלאָס!
אַ נס, אַ נס!

און ווער העלפֿט אים איבערקערן אַ כּוס
נאָך כּוס אין זיך אַרײַן — נישט פֿאַלן פֿון די פֿיס,
אויב נישט דער שליסל, כּ׳מיין, ר׳שלים?

ער שטעלט דעם טראָפּ

אַזוי איז שוין מײַן זיידע:
אַ נײַער קייזער, אַ נײַער קעניג;
בײַ אים זענען ביידע
נישט ווערט קיין פּעניק —

פֿאַר זײַן סחורה —
דאַרף ער נאָך זײַן
אונטערטעניק צי ווידערשפּעניק?
נאָך ער? ! — אַ בעל תּפילה און בעל קורא
פֿאַר פֿרומער, יוסטער עדה! —

פֿאַרוואָס ציטערן פֿאַר דער אייגענער שײַן?

אָט שיסט דער אַ פּרינץ, און דער־זינקט אַ שיף,
און אים, מײַן זיידן, ליגט אין קאָפּ,
ווייסט איר וואָס? — דער טראָפּ!
דער קרי וכתיב...

לויט זײַן באַגריף,
איז ערגער צו מאַכן, אַ טעות
בײַם לייענען די תּורה!

און ווען ער טרעפֿט אַ מהפּך, און לויט דער מסורה
דאַרף זײַן אַ יתיב,
איז דאָס בײַ אים אַן אמתע מעשׂה נורא.

אַן ערגערע ווי די, וואָס קומט אַרויס נאָך אַ בייזן שמועס
פֿון היצקעפּיקע מלכים.

זיי לאַכן די ליצני הדור
פֿון זייַנע דרכים.

דערציילט זיי נאָר,
פֿאַרוואָס זייַנע אויגן ברענען
ווי די זונען: —
אַז ער האָט נאָר־וואָס אויסגעפֿונען,
און ס׳איז אים ענדלעך קלאָר,
(וואָס ווייסן טאַקע זיי?)
פֿאַרוואָס אין די עשׂרת־הדברות, זענען
פֿאַראַן טעמים צווייערליי.

איז וואָס, אַז זיי, די לצים, לאַכן?
וואָס קומט אַרויס פֿון קידער־ווידער?
וואָס פֿעלט, זאָגט מיר, די דרייַ זאַכן:
תּורה, מחזור, סידור?

און בלייַבט אים צייַט נאָך דער הפֿטורה,
קוקט ער אַרייַן אין דער עקדה...

אַזוי, אַזוי, איז ער שוין מייַן זיידע!

דודס אייניקלעך

א ווילדער צעפּאַלאַשע איבער סטרונעס מיטן סמיטשיק:
אַנקלאַנגיקע קניפּ און ציפּ —
מיט אַ פֿינגער אַ שיב, היפּערדיק, גליטשיק,
ווי אַ קעצישער כליפּ.
און פּלוצים שטיל. זאָגט מיט שטאָלץ־אַרויסגערוקטער ליפּ:
„אַ מבֿין, אַ פּיציקאַטע!
און טאַקע מיט דער לינקער האַנט!
אַזוי, בחורל, שפּילט מען סאַראַסאַטע!
וואָס מיינסטו, בין איך עפּעס — אַזוי אַ מוזיקאַנט?
אַן עכטער מ ו ז י ק ע ר בין איך, און דאָס ווײַזט דיר מײַן גליסאַנדע!
אַ ביסל מזל, און איך דיריגיר הײַנט אַ מיליטערישע באַנדע...
זײַ ווײסן: אַ בדחן איז נישט קיין הײַנע,
און אַ קלעזמער איז נישט קיין קאָנצערטיסט.
נאָר וואָס איך בין שוין, די טענער זענען רייגע.
אַזאַ געהער ווי מײַנס וואַלגערט זיך נישט אויפֿן מיסט!
נישט איטלעכער איז דאָך אַ יאַאַכים, אַן ערנסט, אַ ברוך —
סאַמע ייִדן אײנס אַם איינס, וואָס דען? ס׳טײַטש,
אַפֿילו דער דײַטש
אַליין האָט פֿאַר זיי דעם קאָפּ געבויגן.
און ס׳גייט מיר דורך די ביינער אַ סקרוך,
ווען איך דערמאָן זיך, אַז ווען זיי האָבן געשפּילט אין ווין,
אין פֿראַנקפֿורט צי בערלין,
איז האָבן סײַ גראַפֿן, סײַ באַראָנען
זיך אײַנגעשפּאַנט אין פֿאַיעטאָנען
און דודס אייניקלעך איבער די גאַסן געצויגן...

סך הכּל

זי שטייט פֿאַרטראַכט, און פּויקט מיט פֿינגער אין פּאַרענטש:
„ווי לאַנג לעבט אַזוינס אַ מענטש?
און אַז ער לעבט?" זי טוט זיך אַ דערמאָן:

דער אָוונט איז געווען — אַ טאָן
פֿון וויאָלאָנטשעל;
נאָר ווי שנעל
איז ער אַריבער.
אַך, דו ליבער!
„אַזוי פֿיל זון אַרײַנגעפֿלאָכטן אין מײַנע צעפּ!
און וויפֿל קעפּ, קעפּ
פֿון מענער, פֿרויען — דרייען זיך אוים
נאָך מיר!
„דערלויבט מיר אײַך אהיימצופֿירן, כאָטש צו טיר
פֿון אײַער הויז."
איר אויג — האָפֿערדיק; אָפּזאָג אָן ווערטער.
„אויך מיר אַ באַשערטער!
פֿאַר טראָגן דײַן נאָמען,
וויל איך — בריליאַנטן־זאָמען".
— — — — — — — — —

און פֿינגער פּויקן אין פּאַרענטש:
„ווי לאַנג לעבט דאָס אַ מענטש?
און אַז ער לעבט שוין לאַנג, איז וואָס?
אַ רעמל אַרום זילבער אונטער גלאָז:
מיט וויפֿל גרויל
דערוואַרט איך יענעם לאַך צוריק פֿון מויל,
צעקרימטן,
אין פֿאָרויסבאַשטימטן
טאָג!
זאָג —

און פֿינגער פּויקן אין פּאַרענטש
„ווי לאַנג לעבט אַזוינס אַ מענטש?"

באַגעגעניש

„שוין לאַנג זיך נישט געזען; אײַך קוים דערקענט;
אַ נס, כ׳האָב נישט געפֿרעגט אײַך, ווער איר זענט...״

„אַ גרויסער חידוש! אַז דו אירצט מיך גאָר!
ס׳איז, דוכט זיך, נישט אַוועק אַזוי פֿיל יאָר...
אַזוי זיך צו פֿאַרגעסן! ווערסט נאָך בלאַס?
געווים בײַט זיך אַ מענטש — כ׳ווײַן נישט, חס
ושלום! וואָס מיך אַרט דאָ יאָ, איז: דו
זאָלסט שטיין אַזוי — אַ סטאַטוע פֿון רו,
ווי קיינמאָל גאָרנישט! כ׳זאָג דיר, נישט אומזיסט
האָב איך אַ צווייטן וועג געזוכט — און ביסט
מיט מיר אויך מסכּים, אַז אַזוי איז טאַקע גוט
געווען! וואָס קוקסטו, וואָס? ביסט דען אַזאַ פּלוט?
אַז דײַנע האָניק-רייד, אויף ב י י ד ע ק נ י;
דײַן שלעפּן מיך צום הויכן-ווײַטן פּלי —
דײַן צוזאָג — אַלץ זאָל דיר אַרויס פֿון קאָפּ?!
איז איצט אַ וווּנדער, זאָג מיר, וואָס איך האָב
דיך נישט גענומען ערנסט, ווי כ׳וואָלט געוווּסט,
אַז ליבע איז קאַפּריז, ראָמאַנס איז פּוסט?
נאָר וואָס איז דאָ צו ברײַען? וואָס געווען,
געווען! — נו, זײַ געזונט! כ׳מוז גיין... אַן עול!
דו ווייסט, פֿאַמיליע און נאָך...״
איר קול
אַ מאַנצביל, ווי אַנגעמאָסטן איר פֿיגור,
און גאַנג. איך שטיי און זוך אַ שפּור
פֿון יענער צאַרטער פֿידלשטים — אין באַס:

„אַזוי זיך צו פֿאַרגעסן! ווערסט נאָך בלאַס?״

פּאַנאָראַמע

מײַן שטעטל ליגט אויף פֿלאַכלאַנד — און ווי איך בענק,
מײַן היימקער זאָל גראָד זײַן אַ באַרגאַראָפּ,
געשלענגלטער! צו זען, דורך לענג
און ברייט, די הײַזער; און אין גאַלאָפּ
באַרוישטן לויפֿן צו מײַן שטוב. אַזוי פֿיל מאָל

האָב איך מײַן היים — אין קאָפּ —
אַרומגערינגלט מיט בערג און היגלען —
ווי אַנדערש דען וועל איך ציִען
אַהיים — ווי אויף אייגענע פֿליגלען —
צום אויסגעטראַכטן טאָל,
צום רוף פֿון נעסט? — דער איבערבליק —
ער צויבערט בערג פֿאַר מײַן וועג צוריק.

דורכבליק

ווי אַלט איך בין? ס׳אַ חילוק דיר? דו ווייסט, ביַי לײַטן
פרעגט קיינער נישט. וואָס בין איך, וואָס? אַ פערד, צו רײַטן?
צו פאָרן? מענטש איז ווייניק? מענטש! און אויב מיך וווּנדערט,
איז יענער, וואָס דערשלעפּט קוים צו אַ האַלבן הונדערט,
און איז ווי אָפּגעלעבט, ווי עָבר ובטל מן העולם —
איז שלעכט דען אַ בן מאה און מער? אַז גוט און ווויל אים!
אַבי ער האָט נאָך מוח-כוח! און ווי דו קוקסט מיך אָן, מײַן ליבער,
איז בין איך נאָך אַ ייִד פון ייִדלאַנד — שוין אפשר נישט קיין גיבור,
נאָר אַלץ נישט נאָך קיין נוטה למות — און טאָמער ווילסטו זיך פאַרמעסטן,
איז אדרבה, גיב אַהער די האַנט! — ווי אַלט איך בין? דײַן עלטער-זיידע
איז, דוכט זיך, מיט מיר נאָך אין חדר אַרײַן געגאַנגען — מיר ביידע,
אויב כ׳מאַך קיין טעות נישט, האָבן מיר אין אַ מאָנטאָג געשלאָגן
אַ גאַנצן יריד מיט גויים — און די זשאַנדאַרן האָבן געהאַט יגון
ואנחה מיט אונדז — וואָס הייסט העַנט און פיס, איך זאָג דיר ממש סלופּעס!
פאַר טעג זענען די ערלים נישט אַרויס פון זייערע כאַלופּעס.
און דו רעדסט נאָך! איך בין, זיי ווייסן, אַ כהן, און מײַן כהונה אַ ריינע!
קיין איינציקע ישׂראלית צווישן אַלע באָבעס און עלטער-באָבעס מײַנע.
דערפאַר איז שוין מײַן ווײַב — נו, זעסטו דאָך מײַנע בנים,
קיין כעסנים, קיין רתחנים צווישן זיי — האָט עס טאַקע אַזאַ פּנים!
ווי אַלט איך בין? משותלח! גוט? און וואָס דערפסטו נאָך אַ סך זוכן?
קום יום-טוב צום מוסף — און הער זיך אײַן ווי איך דוכן —
דערטרינק איך זיי נישט, ווי די קעצעלעך מיט מײַן „באהבה״?
און דאָס זאָג איך, גלויב מיר, מיט ווייטאָג — און נישט חלילה מיט גאווה.

און זאָל עמעץ זיך דערוועגן, זאָל ער אַפֿילו זײַן פֿון די ערגסטע דראַבעס,
מיר אָפּצושטעקן ערגעץ צווישן די שיימעס מײַנע אַלע שקראַבעס!

וואָס דען? אַ ווילער ייִד דײַן עלטער-זיידע, כאָטש נישט קיין בן אהרן.
כ'דערמאָן זיך טאַקע נישט, אַ לוי? נאָך ווען דאַרף דאָס אַרן?
און אפֿשר — וואַרט — אפֿשר איז דאָס נישט געווען ער, וואַרט אַ ווײַלע!
ס'איז אמת, הערסטו — עפּעס געשעט טאַקע מיט אַן עלטערער כּלי!
אַ זומער, אַ ווינטער — און ס'איז קפֿצה עליו זקנה — אַוודאַי,
אַז איינער איז יונג, וואָס ווייסט ער? און אַ שאָף אין דער סטאַדע
וואָס ווייסט? ביז דער שוחט פֿידלט נישט אַדורך מיטן חלף
די ביידע סימנים! אַזוי איז דער מענטש. ער קלעבט צו דער אַלף,
און טראַכט נישט וועגן דער תּו. ווי די צײַט איז מיר פֿאַרפֿלויגן,
מיר אויך! אָט דוכט זיך, ערשט נעכטן. שטיי איך און קוק אין די אויגן
מײַן עלטער-זיידן, ווען ער האָט פֿאַר מיר אויפֿגעגראָבן זײַנע יאָרן,
און אויך דערציילט מעשׂיות, וואָס ער האָט געהערט — אַזאַ זכּרון!
ווי אַלט איז ער געווען? ווער ווייסט? ווער האָט געפֿרעגט, און ווען
איז אָנגעגאַנגען אַזאַ זאַך? כ'ווייס נאָר, אַז פֿון אונטער זײַנע שוואַרצע ברעמען
איז מיר אַ שפּאַקטיוו אַנטקעגנגעקומען — און דורך אים האָט זיך דערדרונגען
מײַן בליק ביז אָדמען, חוהן און אַלע זייערע פֿיר ווילע יונגען —
ווי אַלט איך בין? כ'בין עלטער, אַ סך עלטער ווי מײַן פֿלייש-איז —
אַז כ'טראַכט פֿון זײַנע אויגן — זע איך מעשׂה-בראשית...

פֿון בריק אויף שטריק

הײַנט, כּלחוך השור, האָב איך געטאַנצט אויף דער ברייטער בריק —
אַ האָפּ ווי בײַ קדושה! מיט קאָפּ אין הימל אַ שטויס; אַ צעוויג
דעם גאַנצן רמ"ח צו די אַרבע פּינות — אַז זאַראַטוסטרע מעג
בײַ ניטשען גיין אין ריקוד, פֿאַרוואָס נישט איך? מײַנע טעג
תעניתים זענען גאַרנישט שוין? אַזוי טאַקע פֿולע מ׳!
,איז אַרמוזד אָדער אַרימאַן מעכטיקער ווי דער שם
המפֿורש?
אויב שוין אַ יורש
צו עפּעס, בין איך! זאַראַטוסטרע? אויך מיר אַ מקורב
צום אויבערשטן! די בכורה, זי קומט מיר! האַלט מיך פֿאַר אַ מטורף,
איז וואָס? ווער וויל דען, פֿרעג איך, געפֿעלן די לײַטן?

און נוהג געווען אַזוי, האָב איך זיך אַלע צײַטן;
גענומען זלזולים, געליטן בלבולים,
דורך אַלע גלגולים?
און וואָס ווייסט איר וועגן צײַט און רוים?
איר אַסירי עולם השפֿל! איר ווייסט דאָך קוים
וועגן דרײַ-מאָס — לאַנג, ברייט און הויך —
נאָר וואָס אָנט איר, קאַרליקעס, פֿאַרקנעכטיקטע צום בויך,
פֿון דער פֿערטער מאָס — צײַט? און מער נאָך, אַן אַ סוף?
און וואָס זאָל איך פֿאַרלאַנגען פֿון אַן עוף,
וואָס איז צופֿרידן מיט געדונגענע פֿליגלען?
איר הייסט מיך שווײַגן? מײַן מויל וועט איר נישט פֿאַרזיגלען!
אוודאי בין איך חסר-דעה! ווײַל ווי קומט עפּעס אַ ייִד
צו אַן איכנאַטאָן, אַ זען-בודאַ, אַ העראַקליט?
אַ בן-אברהם שפּילט זיך נישט מיט „פֿאַנטאַ-רעי",
אַז אַלצדינג פֿליסט; פֿײַער זעט ער, ווי משה אין סנה...
ווער וואַסער, וואָס וואַסער, און אויב שוין לעשן, איז מיט מים
פֿון תורה, און נישט מיט קיין גנובים, אַ „לחיים!"
צו די געטשקעס: — אחד בפּה ואחד בלב;
אָט איז ער אַ כּלבֿ און אָט אַ זאבֿ!
און ביידע פֿון וואָלפֿישן מין — מיט מינע פֿון לאַם —

בײַ אונדז איז קרבן עולה, אויפֿגיין אין פֿלאַם!
וואָס דען? אַ לאַ סאָקראַט מיט זײַן חברותאַ!

בײַ פּלאַטאָן, זײַן תּלמיד, איז נישט געווען קיין רבֿותא,
אַז ער האָט גערעדט פֿון יושר — און פֿון שקלאַפֿן
געלאָזט זיך באַדינען! און איז נישט צו גאַפֿן,
אַז אַריסטאָטל האָט מיט אײפֿער באַרעכטיקט קנעכטשאַפֿט!
ס׳איז מיר נאָר אַ חידוש, וואָס אַ מאַן פֿון רעכטשאַפֿט,
ווי אונדזער רמב״ם, האָט שוין געהאַט פֿון וועמען
צו לערנען! ס׳געגנוג, זאָג איך אײַך, צו נעמען
דעם יוונס שריפֿטן, (נישט לאָזן זיך פֿאַרפֿירן פֿון ווערטער)
און באַלד אײַנזען אויף וויפֿל קריטישע ערטער
ער הינקט אונטער. אַריסטאָטל! זײַן לשון איז טאַקע וואָגיק,
שווערמאַרכיק, פּאָמפּיק, אָבער וואָס שײַך לאָגיק!
איז רחמנא לצלן! — נאָר שרײַ, אני שלמה! אַז אַ וועלט
חכמים ונבונים האָט לאַנגע דורות אַזוי געקנעלט,
אַז אַריסטאָטל איז אַלץ, אַלפֿאַ און אָמעגאַ —

בײַ אמת-זוכער איז ער אָבער געווען אין רגע בלי פּגע!
און וויפֿל האָבן דורך אים געענדיקט אויפֿן שײַטערהויפֿן!
און וויפֿל האָבן געמוזט, לפֿנים, זײַן רײַטוואָגן נאָכלויפֿן —
זײַן מיט די עובֿדי-אַריסטאָטל! — און מיך האַלט איר פֿאַר אַ פֿאַרדרייטער שעפּס,
ווײַל איך האָב זיך נישט געלאָזט פֿאַנגען אין זײַן שפּין-געוועבס!
ווייל כ׳האָב געשריגן, אַז זײַן גאַנצע פֿילאָזאָפֿיע איז אָן עקרה,
און בפֿירוש באַוויזן, אַז בלויז בײַ אונדז אין דער גמרא,
האָט זיך איין געדאַנק צום צווייטן, געגנוי, אַקוראַט, ווי סינוס
אַלפֿאַ צו קאָסינוס בעטאַ; אַז — אויב דאָס איז אײַך ווייניק — איז מינוס
בײַ אונדז אויך אַ וו ע ר ט; אַז מיר ייִדן
דאַרפֿן, חלילה, נישט אָנקומען צו אייקלידן!

נו, האָט מיך ווער אויסגעהערט?
— — — — — — — — — —
נאָר גאָרנישט, אַזוי איז שוין באַשערט
דעם נבֿיא צווישן אייגענע: אַ קרוין
פֿון דערנער איז זײַן לוין...

און ביז דעמאָלט: צוריק צו דער בריק!
און אויב טאַנץ איז אײַך ווייניק — איז גיין אויף אַ שטריק!

שקלאָ וטריאָ אין סדום

כתוב ראשון:

כל נדרי באַרלעך זענען מיר די טעג,
האַרט אונטער ציין; טערפּקע צום גומען.
איך גיי איבערן לעבן, ווי אַ שטומפּיקע זעג
גייט איבער אַ דעמב, סענקעוואַטן און קרומען.

כתוב שני:

מיר גייען דאָך ביידע אויפן זעלבן וועג,
און ער זעט גאָר דערנער, ווו איך טרעף בלומען.
(פאַרוואָס אָבער טאָר איך נישט, וואָס ער מעג?
דערפאַר איז אים טאָקע ס'ביטערע געקומען.)

כתוב שלישי:

אַז נישט איך ווייס, און נישט איך פרעג;
די טענות פון ביידן קוים באַנומען.
איז פּסק מײַנער דער: פאַרשרײַב און מעק!
בײַם חוטא נעם איך, און גיב דעם פרומען.

בת קול:

צו אײַער סכסוך מאַכן אַן עק,
הייסט הימל מיר אַראָפּברומען:
איר אַלע דרײַ זענט געשוווּמען צום ברעג,
נאָר קיינער פון אײַך איז נישט דערשוווּמען.

אַ זיפֿץ אויף מיטוואָך

ס׳איז אינדערוואָכן אויף דער וועלט;
ביַי איר איז ערב שבת גאָר; זינט
פֿאַרטאָג גייט זי אַרום און שטעלט
אָפּ איטלעכן און פֿרעגט: „ווען צינדט
מען ליכט?" און דער, וואָס ווייסט נאָר, ווער
זי איז אַמאָל געווען און וואָס
ס׳איז איר געשען, דער גיט אַ קלער
און ענטפֿערט: „שוין!" — זי גיט אַ לאָז
זיך אין איר שטוב אַרײַן, און באַלד
ווערט שבת־קודש אין איר הויז.
זי קומט אַרויס; מאַכט אַ געוואַלד,
אַז אַלץ איז גוי! פֿון קליין ביז גרויס.
מחלל שבת, ממש סדום:
אַפֿילו דיַינטע, זי זיצט
און פּליקט זיך פֿעדערן; קיין קראָם
פֿאַרמאַכט; איעדער קאָכט זיך, היצט.
זי לויפֿט אַרײַן צוריק צו זיך
און זעצט זיך וואַרטן אויף איר מאַן.
זי נעמט זיך פּאָרען אין דער קיך;
זי כאַפּט אַ טאָפּ, אַ בלעך, אַ פּאַן.

„אוי, אַן אלמנה, נעבעך", זאָגט
אַ שכנה צו אַ צווייטער; ווישט
אַן אויסגעדוכטע טרער, און שלאָגט
אין מויל זיך. יענע הערט און מישט
אַרײַן אין מעל אַ טראָפּ געווירץ:
„אַזוי, אַזוי..." אַ רײַב די נאָז
אין אַרבל; טוט אַ גלעט די שירץ:

„און וויפֿל, זאָגט איר, נים? אַ גלאָז?"

זיסער פרינץ

אַ האַמלעט בין איך? יאָ. נישטאָ זיך וואָס צו שעמען.
ער איז שעקספּירס — וויסט אַ וועלט; און אויך בײַ ווענען
דער באַרד האָט אים גענומען. זאָג איך: אויך בײַ ייִדן,
נישט נאָר פֿון סאַקסאָן; עשו איז דאָך זעלבסט־צופֿרידן,
אַנטשלאָסן. נאָמען, זעט איר, פֿאַבולע, נאָך מעגלעך
דירעקט פֿון כראָניקע. — אַזוי צו שטעקן אומבאַוועגלעך
בײַם שיידוועג; זײַן מיט זיך אַליין אַזוי צעריסן;
אַזוי פֿיל צרות־צרורות אויסשטיין פֿון געוויסן —
אין יעקבס מידה! און עשום זין האָבן זיך געבאָוועט
גאָר אַנדערש. וואָס איז דאָ צו זוכן ווײַט? נעמט דוד
בן ישי, מיט אַ שמץ מואב. — וואָס דער שאול
האָט אים געטאָן! נאָר דוד? איז ווערט־זשע נישט נתפּעל,
אַז אונדזער דודס זעלישער קאָנפֿליקט אין מערה,
ווען שאול איז געווען בײַ אים, אין האַנט — איז קערה,
פֿון וועלכער שעקספּיר האָט געשעפּט — געשלעפּט דעם סאַמע
עמפּאַטישסטן מאָמענט. וואָס פּעטער, און ווער טאַטע־מאַמע?
זיי זענען פֿאַר ר׳ פֿרוידן. (ער האָט דאָך געשריבן
אַרום האַמלעט אויך, ווי „משה״). כ׳האָב זיך גוט געריבן
דעם שטערן און געפֿרעגט: פֿאַרוואָס האָט ער צו פּרעהן
יאָ צוגעטשעפּעט משהן, אַנשטאָט זיך צו סטאַרען,

צוריקצוברענגען האַמלעטן צו אונדז? — פּרוידס חרטה?
פֿאַר מיר איז זי צו־שפּעט! צו קריכן אין אַ בלאָטע
אַפֿריער; בעטן הילף דערנאָך! אַ מענטש, אַ גרויסן,
פֿאַרפֿירט אַמאָל דער קאָפּ!!! נאָר דאָס בין איך נישט אויסן...

כ'בין האַמלעט, ווי איר זעט. פֿאַר מיר איז אַלץ פֿאַרשטענדלעך —
ס'איז „ווערטער, ווערטער, ווערטער" — לאָגיק האַלב־אָנווענדלעך —
ס'איז מליצה, און נישט מער, כחומר ביד היוצר:
אַזוי זאָגט אויך דער שכל. מענטש — איז אַ צעקלויצער
פֿון ביסל קלאָרקייט. ס'איז אַן עולם הפּוך! זוכן
אין אים אַ שייַכות נאָך?! אַ האָפּט? בין איך נישט מוכן
ומזומן! — און נאָך וואָס? זאָל איינער צו מיר קומען —
מיט הילף, זאָג איך צו אים: ביז איצט בין איך געשווומען
אַליין — איז לאָז מיך ווייַטער שווימען! ס'איז דאָך טאַקע
ווי פּרוידס מאַקסים — ווי טרעפֿלעך דאָ! — אַז מיט אַ מכּה
איז שווער צו שיידן זיך. דערפֿאַר איז מייַן געראַנגל
אַזוי מיר ליב, און אויב כ'האָב מורא, איז פֿאַר מאַנגל,
אָניט גאָר — חם ושלום! — אויפֿהער פֿון פּראָבלעמען.

אַ האַמלעט בין איך? יאָ! — נישטאָ זיך וואָס צו שעמען.

בײַם פּלויט

פֿאַר זײַנע מעשׂים טובֿים האָט אים שטאָט געקרוינט
מיט קבֿורת חמור — פֿאַרפֿאָרפֿלט צווישן גראָז בײַם פּלויט;
און נישט אומזיסט האָט עדה אים אַזוי באַלוינט:
סטײַטש, ער, אַ ייִדיש קינד, האָט נישט געוואַרט אויף טויט
בדרך טבֿע. פֿאָטער־מוטער — זיי ביז בלוט פֿאַרשעמט,
און שוועסטער! — זאָגט איר, ל י ב ע? יאָ, נאָר יענע לײַט
פֿון געטעם ספֿר־־פּראַלניק, פֿאַר זיי איז גאָר נישט פֿרעמד
געווען אַזאַ זאַך אָפּצוטאָן. אַ לאַנגע צײַט
איז ער געווען אַ שרעקבילד. — אָן אָרעם קינד
האַלט קאָפּ; פֿאַרמעסט זיך נישט אַרויף צו רײַכן שטאַנד,
אַזוי פֿיל שטאַפּלען העכער. אויב יאָ? אַז וויי און ווינד
איז אים! אַ שאַנד אין פּנים! — נאָר נעמען מיט דער האַנט,
דער אייגענער, און טאָן אַזוינס, וואָס פּאַסט נאָר גאָט
זאָל אים דאָס טאָן — דערפֿאַר האָט ער אַזוי באַצאָלט!
אַפֿילו זי, וואָס האָט שוין יאָ געוווּסט דעם סוד,
א י ם מוחל זײַן פֿאַר דעם, האָט קיינמאָל נישט געוואָלט!

גיי פֿאַרשטיי

איך ווייס באמת נישט, ווער פֿון אונדז ביידע איז דאָ בגילופֿין —
געוויס נישט ער, כ׳בין נישט ווערט זײַן נאָמען אָנצורופֿן!
(וואָס פּמליה של מעלה טוט, האָט דאָך זיכער אַ זין.)
און מיר וואָס בלײַבט? אַדרבה, זאָגט: מער ווי צידוק הדין?
ווער בין דאָס איך, צו חקירהן זיך אין זײַנע פֿאַרבאָרגענע וועגן?
און ווען איך בין אַפֿילו שלמה המלך! אָבער פֿרעגן, ווילט זיך פֿרעגן:
פֿאַרוואָס זאָל עס טאַקע זײַן אַזוי? (זײַט מוחל ס׳ביסל חציפֿות
אין מײַן קשיא) — אין שטעטל זענען צוויי געלעגן אויף טיפֿוס:
דער ערשטער, אַ נכד קדושים, און פֿון אַזאַ גרויסער גזע דערצו!
דער צווייטער — טאַקע אַ ייִד — אַ פֿאַרשלעפּטער פֿון ערגעצוו,
מ׳שטיינס געזאָגט, זײַן יחוס! מן המובחר, סאַמע וועדך! גאָלע שררים
פֿון מלך אביונם גיטער. נו, האָט מען פֿאַרן ערשטן געריסן קברים,
געקלאַפּט אין ארון קודש, געקערט וועלטן, פֿאַרגאָסן דמעות שליש,
בעת דער צווייטער האָט געפּלאַקערט, אַ פֿאַרגעסענער, אין פּאָליש,
און שפּעטער אויף אַ הייפֿל שטרוי — ווי איר הערט! — ממש אינדרויסן.
ווער דאָקטאָר, וואָס דאָקטאָר? און טאַקע אָט דאָס, זעט איר, בין איך דאָ אויסן:

בײַם בײַטן די געלעגערס — האָט מען איבערגעטראָגן אין אָ ר ו ן
דעם ערשטן גראָד — און אַ ל י י ן צום הקדש האָט זיך דערשלעפּט דער צווייטער. יאָרן
האָט ער דערנאָך געלעבט! וואָלט כביכול נישט געווען אַ בוחן לבבות,
וואָלט איך פֿאַרשוויגן מײַן שאלה: וואָס איז, איך בעט אײַך, געשען צו זכות־אָבות?

COR CORDIUM

סוף־זומער. וויאַרעדזשאָ. צום הימלרויט,
אויף ים צעשפּילטן — גיי איך. אַרום
רוישט לעבן, אונטער לויטערסטן לאַזור
איטאַליעס. איך קום
נאָר־וואָס צוריק פֿון טור
דורך פּאָמפּעי, הערקולאַנום — שטעט פֿון טויט.

אַרום ברויזט אָוונט — און אין מיר הערשט
נאָך שטילקייט פֿון יענע גאַסן — נאָך לאַנגן שלאָף
אַרויסגעגראָבענע — וואָס איך האָב ערשט
באַטראַכט.

פֿאַרוואָס גראָד איז אויף זיי געפֿאַלן די שטראָף?
איז טאָקע דער שׂטן
מקטרג, אַזוי זיכער געווען,
אַז זיי זענען די שוואַרצטע צווישן שאָף —
און גאָט האָט דאָס אויך איינגעזען?

אויב יאָ אַזוי, איז וואָס מכּוח מלכות זדון,
וואָס ציט זיך היינט איבער גאַנצער וועלט?

ווער איז דאָ בלינד?
ווי איבערגעלאָדן
דאַרף זיין אַ שטאָט מיט זינד?
און דער נבֿיא, ווען שעלט?

דער אָוונט רוישט — און דער עולם קוועלט.
פּאָמפּעי, הערקולאַנום... אַש, (געברענט, געבראָטן)

קאָר קאָרדיום — האַרץ פֿון הערצער

די לעצטע טעג...
אַרענע — ריַיטוואָגן־געיעג —
אַ מענטשן־פֿאַקל —
און זײַלן־צעוואַקל.
מאַרמאָר־קראַך,
טיַיוולאָנים־לאַך,
גלאַדיאַטאָרן־געשלעג
מיט פֿינגער אַראָפּ:
„מיר ווילן זײַן קאָפּ!"
„פֿאַר חיות אים וואַרפֿן!"

בין שני אריות: נפֿתחו דלתות הסוגר —
די לייבן שאַרפֿן די ציין און נעגל —
אָט וואַרט דער אורב, דער לוגער...

האַלט הויך דעם דגל!
יל"ג
זעט נישט קיין נסים פֿאַרן ייִד;
דער לייב האָט נישט געקניט,
דער ייִד איז אויף אים נישט אָוועקגעריטן.

קיין נסים — זאָלסט אַפֿילו היטן
גאַנץ תרי"ג!

דײַן שטים איז אַ צו־צאַרטע
און זאָג שוין אַפֿילו עשון עם לבן
גרתי!
אַז ער איז טויב, און ער האַלט דערצו די האַק!

מצרים, בבל, יון
און אדום — אוי אדום, דו רוים!

אַרום איז רעש — אין גיי צום מערבֿ-זוים,
און וויל דערגיין:
איז קעגנוואַרט אַ שוים,
אַ כוואַליע-שפּריץ — און איך אַליין,
וואָס טו איך דאָ,
אין שעה
אַזאַ, ביַי אָפּגעווישטער גרענעץ צווישן
וואָר און טרוים?

געדאַנקען איבער קלאַווישן,
ליכט און שאָטן.
ס'איז שפּעט:
און ווער העלפֿט מיַין חידה ראָטן?

פֿאַרוואָס גראָד די שטעט —
פּאָמפּעי און הערקולאַנום — און לויט דער תורה,
סדום ועמורה
און קוים נאָך דריַי — און וואָס געווען איז זייער באַזונדערער חטא?

געפֿילדער אַרום — אָט בין איך אין שקיעה-פֿלאַם,
דערזע:
אַ דענקמאָל, און אויף אים אויסגעקריצט
צוויי ווערטער:
COR CORDIUM

„האַרץ פֿון הערצער"; כ'בין צוריק אין איצט.
כ'פֿאַרגעס אין זיך, אין ים —

לייען ווײַטער: אהער איז שעלים גוף
דערשוווּמען,
אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי ער איז אומגעקומען
אין געראַנגל מיטן שטורעם.

שעלי, שעלי, מײַן חטאת נעורים!
איז אַלץ טאַקע אַש,
צי ווען ס׳קומט דערוואַרט, צי מיט איבעראַש?
איז מאַקראָקאָסמאָס אַ גרויסער שלאָף,
אָן לוין, אָן שטראָף?
אַ הוילע נום,
און פּוסט אַזוי, ווי דער גרוס,
וואָס דײַן פֿרײַנט האָט צוריקגעבראַכט פֿון מלך־המלכים —
פּרעה אָזימאַנדיאַס, וואָס זינגט צו זיך שבחים
אויפֿן פּעדעסטאַל — און פֿון מאָנומענט
געבליבן זענען צוואָרפֿענע הענט
און פֿיס — און קאָפּ באַזונדער?

„ווו זענען דײַנע ווילדע וווּנדער?"
פֿרעגט ווינט איבער לערע פּלוינען —
און אָזימאַנדיאַס שווײַגט, און שעלי שווײַגט מיט,
און אַזוי שווײַגן אַלע, וואָס וווינען
אין ים און אויף יבשה.

אַרום וואַקסט די שטילקייט; ס׳פּאַרטויבן זיך די טריט;
ס׳פֿאַלט צו די נאַכט —
און מײַן האַרץ וואַכט:

מיר איז פֿאָרט קשה.

ווערטער צוויי

איר חידושט זיך, געוויס, פֿאַרוואָס איך ווער דאָ בלייך.
ס'איז דאָך, נישט מער, כ'גיב צו, אַ פּשוטער פֿאַרגלײַך,
(אַמאָל אַ מעטאַפֿאָר) — אָט דוכט זיך, ווערטער צוויי:
„פֿאַרלוירן שעפֿעלע"; מיט זיי... גיט זיך אַ דריי
די צײַט צוריק, און איר ווייסט גוט, ווי איך געדענק
פֿאַרגעסעניש — היפּערמנעזיס — פּראָסט אַ קרענק!
און אָפֿט פֿאַרלירט זיך גרענעץ צווישן חלום, וואָר,
בפֿרט ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבט אַזוי פֿיל יאָר.
פֿ אַ ר ל ו י ר ן ש ע פֿ ע ל ע! צוויי ווערטער — ס'זאָגט זיך אָפּ
אַזוי. נאָר ווייסט איר, פֿרײַנט, וואָס מיר געשעט אין קאָפּ?
ווי מיטאַמאָל אַ פֿאַל־טיר עפֿנט זיך; איך זינק
צום תהום און רודער־אויף נשכחות, כאָטש נעם טרינק
אויפֿסנײַ פֿון לעטע־טײַך — נאָר לאָמיך נישט אַוועק
פֿון ענין. ווערטער צוויי! זיי ברענגען יענע טעג
פֿון אימה: ערשטע וועלט־מלחמה. כ'בין אַ קינד.
דער הימל פֿינצטער־רויט. דער טאָג — ער וואָגלט בלינד
אַרום. אַ האַנט כאַפּט מײַנע; כ'לויף איר נאָך — און באַלד
איז ווידער זון, ווי נאָך אַ ליקוי חמה. וואַלד!
און אַלע — טאַטע־מאַמע, קינדער — שלינגט ער אײַן.
נאָר שאָטנס יאָגן אַלץ אין גאָלדן־גרינעם שײַן —
כ'פֿאַרליר די האַנט. בלײַב שטיין אַליין; רוף און שרײַ:

כ׳הער קולות, נאָר נישט ענטפֿער. מיד, פֿים ווי בליַי —
נעם בלאָנדזשען. הא? פֿ א ר ל ו י ר ן ש ע פֿ ע ל ע? אַיאָ,
אַ פֿראַזע, גאָרנישט מער? נאָר גלויבט מיר, פֿריַינט, ס׳איז דאָ —
ווי שעקספּיר זאָגט — אַ ז ו י נ ס — נאָר הערט און משפּט איר:
כ׳בין צווישן ביימער; כ׳שלאָף — דערפֿיל איך באַלד אַ ריר,
ריַים-אויף די אויגן: ס׳שטייט אַ קינד אויף הענט און פֿיס,
איינגאַנצן אָפּגעדעקט מיט האָר — גיי ווייס, ווער ס׳איז
מיר צוגעשיקט געוואָרן? טוליעט זיך; שטופּט ליַיכט
צום ליכט אַרויס, מיט פּנים צו מיַין פּנים, פֿיַיכט
און ווייך. אַ לאָנקע — האָפּקען מיר. אַרום
ווערט טונקל. ס׳טאַנצן מיט אונדז גראָז און בלום.
ס׳איז אָוונט שוין. אין מערב צאַנקט אויס שטריַיף נאָך שטריַיף...
מיר שפּרינגען — מיטאַמאָל אַ קנאַל פֿון ביַיטש, אַ פֿיַיף —
אַ הונט, אַ פּאַסטעך. נעפּל... ווידער יענע האַנט
פֿאַרקלעמט אויף מיַינער... יאָ! דורך יאָרן נאָכאַנאַנד
געהאָפּקעט האָט פֿ א ר ל ו י ר ן ש ע פֿ ע ל ע מיט מיר —
צי אפֿשר גאָר אַ וואָלן קינד אויף אַלע פֿיר!

אַ מבֿין עפּעס ווערטער צוויי? איצט פֿרעג איך איַיך:
ס׳אַ חידוש שוין, אַז ווען איך הער זיי, ווער איך בלייך?

איינגם

פֿון אַלע װענט בײַם צימבלער גרויט דער קאַלעך;
נאָר איבער קאָפּשטיק פֿון צעקרימטן בעט
לאָזט זיך אַראָפּ — אין שװעב — אַ בלאָנדער מלאך,
און האַלט, װי אָפּגעציטערט, אַ פּאָרטרעט.

דער צימבלער זאָגט: „ס׳איז צירעלע, מײַן שװעסטער.״
(װי פֿרום־גראַציעז איר האַנט אויף פּאַראַסאָל!)
„אַ שטילע טאַקע — דאָך װאָלט אַן אָרקעסטער
זיך דערטרונקען אין איר הויכן קול.

„סאָפּראַנאָ! פֿון דער מאַמע... אַז זי האָט זיך צעזונגען,
איז באַלד געװען געלאָף אין אונדזער גאַס —
נו, שטאַרבט זי יונג — זיך אויסגעהוסט די לונגען. —
האָט צירעלע פֿאַרלאָזט אונדז — אָן אַ פּאַס...

„אין אונדז זיך נישט דערמאָנט די אַלע יאָרן.
װאָלט זי געװען געשיקט כאָטש איר אַדרעס!
פֿון שטעטל זענען מענטשן דאָך געפֿאָרן
אין װײַטער װעלט! כאָטש זיך, װאַרט אויף אַ נס!

„נאָר עפּעס האָט זיך יאָ צו מיר דערטראָגן:
אין ב ו י נ י איז מײַן צירעלע, אַ רעכטס!
נאָר װער װיל הערן, װאָס די לײַטן זאָגן —
קריכט נאָך אַ לעפֿל אין אַ פֿרעמד געקעכטס...

„צעװערטל איך זיך איינמאָל מיטן בדחן,
פֿאַרפֿאָרט ער מיר מיט זײַן באַרימטן שטאָך:
אַז צו מײַן שװעסטער דאַרף מען נישט קיין שדכן;
אַז יעדער קאָן זי נעמען פֿון דעם שטראָך...

„וואָס איך האָב אים דערלאַנגט, זאָל אים באַקומען!
אַז איינער וויל, געפֿינט ער שוין אַ פּגם;
נאָר זײַנע רייד האָב איך צום האַרץ גענומען:
אַ בעכער מיט אַזוי פֿיל גאַל און סם.

„נאָר גיי זוך נאָך, אַז שטריק איז אָפּגעשניטן!
און זי שווײַגט אַלץ נאָך ווי פֿון יענער וועלט...
די זומערס, ווינטערס רוקן זיך; אינמיטן
אַ דור, אַ נײַעם, צווישן אונדז געשטעלט.

„אַמאָל, אַ פֿרײַטאָג, קומט מיר אָן אַ פּעקל —
(ווער האָט אײַנזינען מיך אין ווײַטער פֿרעמד?)
אַ פּודלע אין פּאַפּיר — כ׳רײַס אויף ס׳דעקל:
דערזע אַזוינס, אַז ס׳האַרץ ווערט מיר פֿאַרקלעמט!

„איר בילד, מײַן צירעלעס, ווי דאָ צוקאָפּן —
און גאָרנישט מער, קיין בריוועלע, קיין וואָרט...
נאָר אפֿשר בעסער! — נאָך מער באַרגאַראָפּן?
וואָס פֿעלט מיר נאָך אָן אויפֿגעדעקטע קאָרט?

„די מאַמע אויסן אויג! איר מויל, איר שטערן!
זי קוקט אויף מיר; מײַן כעס ווערט אײַנגעשטילט.
וואָס אַרט מיך, מענטשן רעדן? דאַרף איך הערן?

מײַן בלוט! — זאָל הענגען איבער מיר איר בילד!"

משופּע

פּיזאַ —— פּיאַצאַ דעלע מעראַוויליע — קאַמפּאָ סאַנטאָ...
דואָמאָ, באַטיסעראָ — און גוט־באַקאַנטע
קאַמפּאַנילע,
אין דורות־לאַנגן פֿאַרנויג.

איך טויך אין ים פֿון מאַרמאָר,
אָבער מײַן אויג
וואַנדערט אַרויף צו די טויבן,
אין געפּלאַטער פֿון טורעם צו טורעם.

אָרגל פֿון כאָר —
פּיאַניסימאָ, דורך קרעשענדאָ, צו פֿאָרטיסימאָ — שטורעם!

נאָר
ווער? ווער זיצט דאָ אויבן?

טוכלע ערד פֿון צווינטער — קרייצלער פֿרומע
האָבן פֿאַרשלעפּט דעם הייליקן שטויב
אַהער, אין ארץ הטומאה —
צום אותו האיש אַ לויב.

עפּר־אָבֿות ווײנט: אויף אדמת־זרים
האָסטו אין אונדז געגראָבן קבֿרים
פֿאַר בני־ערלים? — און וואָס טו איך אין דער פֿרעמד?

ווערגאַניאַזאַ קוקט דורך די פֿינגער
אויף נחם שאַנד.
און פֿון יענער זײַט וואַנט
לאַכט דער באַצווינגער
מיט ריזאַטאַ דעל דיאַוואָלאָ — באַהאַלט

נישט דײַן פּנים,
ווערגאַניאָזאָ! זאָל ד ע ר זיך שעמען,
וואָס האָט שוין נישט געהאַט וועמען
צו קרוינען, נאָר חמען און זײַנע בנים.

ר ו י ב ס ט, א ד ו ם, ר ו י ב ס ט —

קאַמפּאַנילע ווינקט — איך קלעטער אַרויף
איבער וויקלטרעפּ —
אָן אָטעם — פֿון לויף;
ברוסט דונערט מיט קלעפּ:

כ'שטיי בײַם העכסטן פֿענצטער — אָט איז דער ים,
און פֿון שקיעהס לעצטן פֿלאַם
שווימט מיר אַנטקעגן — דוד הראובנים זעגלשיף
אויפֿן וועג קיין רוים — צום פּויפּסט,
אָן מורא פֿאַר אַ קליף.

א ו ן ד ו, א ד ו ם, ר ו י ב ס ט?

ק אַ מ פּ אַ נ י ל ע — קרומער טורעם, גלאָקנטורעם.
ר י ז אַ ט אַ ד ע ל ד י אַ װ אָ ל אָ — לאַך פֿון טײַוול.
פּ י אַ צ אַ ד ע ל ע מ ע ר אַ װ י ל י ע — פּלאַץ פֿון װוּנדער, װײַל
ס'זענען אויף אים פֿאַראַן די מערקווירדיקסטע מאָנומענטן פֿון אַרכיטעקטור.
ק אַ מ פּ אָ ס אַ נ ט אָ — צווינטער
ד ו אָ מ אָ, ב אַ ט י ס ע ר אָ — קירכן.

אדום

שפּאַציר איך אַזוי איבער רוים — אַליין.
אַרויפֿן, אַראָפּן —
ס'טײַטש, זיבן היגלען, פֿון צופֿוסן ביז צוקאָפּן,
לענג־אויס בעטל פֿון שאַרלאַך־זונה,
מיטן צונויפֿגערויבטן חן,
איבער פּנימס לעכער — און ווערים.

יונה! יונה!
ווי האָסטו געפֿילט אין וואַלפֿישס געדערים?

אין מיר ברענט נאָך ירושלים! — פּלוצים אַ וואָרף:
איך בין אין אַ דאָרף...
ס'אַ קאַרניוואַל...
פֿײַערווערק... אַלקאָליריק... טאָפּאַז, אָפּאַל,
עמעראַלד, סאַפּיר, רובין, אַמעטיסט,
אַ בלענדעניש פֿאַר בליק פֿון אַנטיכריסט...
אַ פֿאַרווירעניש, אַ פֿאַרפֿירעניש, אין דריי פֿון קאַרוזעלע:
וואַנזיניקער ווירבל מיט טאַראַנטעלע.
אַפֿן, זשיראַפֿן, העלפֿאַנט מיט טראָמבע —
פֿאַרטרובעט — —אויפֿן אָפּיש — די אַרויסגערוקטע גאָמבע:
„פּאָפּאָלאָ ראָמאַנאָ! מײַן זונס באָמבע
שאָפֿט בלומען — אַזוי האָבן זיך פֿונאַנדערגעבליט
די אַביסיניער בײַם אויפֿרײַס..." און בײַ מיר ייִד

ברענט נאָך ירושלים. פֿאַרקאַ מיזעריאַ!

„מיר האָבן טויטן־שטראַלן! אַ באַקטעריע!
מיר ווילן..." וואָס ווילסטו טאָן, דו בופֿאָנע,
קאַפֿאָנע, מאַסקאַלצאָנע — מיט דײַן...
„אַ סעמפּרע ראַדזשאָנע"?

ווי־פֿל נאָך זעגעכץ וועסטו שטאָפּן אין דײַן שאַמבעלאַ?
ווי קרום און פֿרעמדלעך
קוקן אויף דײַנע שוואַרצע העמדלעך
די זינגער בײַ דער פּראָצעסיע: SEMPRE PIU BELLA

און אין מיר ברענט ירושלים, מסדה

אויף דער פּיאַצאַ — אַ גרינע עסטראַדע...
עולם קוועלט.
פּאַנטאַלאָנע רעדט פֿאַרשטעלט:
ווער מיר מיטראַם? וואָס מיר עפּאָלעטן?
דאָ איז ממשלת מאַריאָנעטן!

נאָר וואַרט! קומט נענטער, וועט איר אויסגעפֿינען,
אַז דאָס זענען נישט קיין מאַנעקינען,
וואָס שפּילן מענטשן — נאָר פֿאַרקערט!

אַ מעדאַל־באַהאָנגענע מוטער לאָזט אַראָפּ
דעם קאָפּ
צו דער ערד:
זי שאָקלט זיך צום וויג פֿון מאַנעקין: —
איז אַדים אַבעבאַ ווערט
געווען אירע פֿיר זין?

אַוודאַי, אַוודאַי!

און אין מיר ברענט ירושלים, מסדה.

פֿאַשיסטישער לאָזונג:
מוסאָליני אַ סעמפּרע ראַדזשאָנע — מוסאָליני איז שטענדיק גערעכט.

וואָלנקבילד

ס׳איז פּסח, ערשטער טאָג, צו מנחה־ציַיט.
מיר יִינגלעך שטייען קעגן צערקווע. מיר
דערוואַרטן זיי, די מצרים, ווי דער סיר
נפּוח הודיעט — פֿון דער צפֿון־זיַיט.

מיר קוקן דורך די צלמים — הימל בליַיט;
נאָר באַלד גיט זיך דער וואָלקן אַ צעריר,
און דורך די ביינער גייט אונדז דורך אַ פֿריר:
אָט, קומט ער, פּרעה — מיט אים זיַינע לײַט!

פֿאַרמאָגט אַ מלך, נאָך אַזוי פֿיל פֿאָלקן?
און ווי זיי ציִען האָפֿערדיק פֿאָרוים!
אַזאַ המון! באַהאַלט זיך משה אוים
מיט יעקבס קינדער, הינטער י ע נ ע ם וואָלקן?

און מיטאַמאָל באַוויַיזט זיך משה, אין האַנט
אַ שטעקן; הויבט אים מיט צעצוויַיגטן בליץ:
צעשאָקלט הימל זיך פֿון ראַנד־צו־ראַנד —
צעטומלט מצרים, פּרעה לויפֿט אין שפּיץ.

און בלויז פֿאַר אים מאַכט הימל־ים אַ וואָרע —
פֿון זיַין מרכבה ריַיסט זיך אָפּ אַ ראָד.
ער פֿאַלט אַראָפּ — ער לויפֿט צופֿוס איצט, פּרעה —
קיין „נינוה": דערציילן דאָרט, אַז גרוים איז ג־ט.

מציאה

מקנא בין איך יענע עדה
פֿאַר איר תמימות —
געהערט אַ מעשה? צו נעמען און קויפֿן די לבֿנה
אין פֿעסל? און זע־נאַר, ס׳אראַ צימעס
איך מאַך דערפֿון, וואָס מײַן זיידע
האָט אײַנגעוויליקט אויף אַזאַ מתנה,
וואָס מ׳האָט ערשט אויף אים אַרויפֿגעצוווּנגען:
אַ הר כגיגית!

און וואָס־זשע איז דערפֿון געדרונגען?
געדרונגען איז דערפֿון,
אַז אַ געשענקטע זון
אַפֿילו, פֿאַלט אַרוים פֿון אַ נרתיק מיט שוואַכע פֿאַסטריגעס.

גענעציווקע

אַ גענעץ, אַ צעצויגענער, הויערט איבער שטעטל —
פֿון דנאָ אין מקווה ביז די קלויסטערשפּיצן.
די מיידלעך שפּילן זיך אין עטל־בעטל;
די יינגלעך קוועלן פֿון פֿאַרלעגערטע וויצן.

נודאָטע ביי קבצנים; לאַנגווייל ביי נגידים:
דורך טירן און פֿענצטער קללות פֿון מאַמעס.
ס׳איז טרוקן, נאָר קובוש גייט אונטער אַ שירעם:
ער וויל הימעלע איינגנם פֿאַר זיינע ד׳ אמות.

דער טאָג איבער הייזער — אַ געלעכערטער עמער;
די נאַכט — אַ גלאָק, אָן אַ צונג צו די באַקן;
דאָרט שלאָפֿן די קונים; דאָ דרימלען די קרעמער —
דער פֿעלדשער און קלעזמער פֿאַראַדירן אין פֿראַקן.

און ווינט גלעט קוים באָרד פֿון קברן דעם אַלטן;
איז פֿויל אַ פּלאַטער טאָן אויפֿן שטריק — די וועש.
בטלנים צוויי אונטער אויוון, דעם קאַלטן,
זיך ענדלעך דערביוועט צום ביטול היש,
דורך שלאַבריקע מעת־לעתן פֿון תענית און פֿאָרכט —

רזיאל המלאך שנאָרכט...

נעדיזנע

צוויי יעגערס איבער הירש; זיך דריקן זיך די הענט.
פֿון ברוסט אַ שנירל בלוט — די צונג אַרויס.
אַ דריטער שאָלט דעם האָרן, צום יאָגד אַן ענד!

ווי קומט אַ בילד אַזאַ אין ייִדיש-הויז?
דערצו נאָך איבערן בעט?

גיט נגיד זיך די באָרד אַ גלעט,
דעם קאָפּ אַ שאָקל: „ס׳טײַטש,
ס׳איז דאָך אַ נעדיזנע פֿון יענעם דײַטש,
מײַן גראַלניק. אוי, האָט ער מיך אָפּגעקאָסט!
און אַלץ, וואָס ער האָט מיר איבערגעלאָזט,
איז אַ בילד. — צווישן אונדז ביידע —
זײַן בילד איז פֿאַר מיר אַ למען ידעו!

גורל

אויף קאַטערינעטשיקס אַקסל וויגט זיך די אַלטע פּאַפּוגע:
פֿליגלען מאַיליק; איר קול שווין לאַנג אַנטשוויגן,
הינטער רמזים און תנועות קלוגע.

און קאַרבע דרייט, ווידעראַמאַלט
אויף דריבנער — אַ הייזעריקן,
בייזעריקן
ניגון:
„צו וואָס האָסטו מיך מאַמע געבוירן?"

שיקסל זוכט איר גורל; צאַלט —
און שנאָבל ציט אַ קוויטל:
„ער איז בלאָנד און הויך,
מיט בלויע אויגן,
דײַן באַשערטער..."

האָט שיקסל איר שמייכל פֿאַרלוירן;
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן:

נידריק און טונקל, מיט אויגן
גרויע — איז גראָד דער פֿאָטער
פֿון קינד, וואָס וואַרפֿט זיך איצט אין איר בויך.

אין דורשט

A LA RECHERCHE DU TEMPS PERDU

קרעמאָנע:
דער ערשטער אינדערפֿרי,
נאָך זאָמענליכטיקער נאַכט
מיט דיר, מײַן עפֿעמערישע מאַדאָנע.
איך האָב דערוואַכט
ווי צום ווונדערצי
פֿון פּאַגאַנינים בויגן
אויף פֿידל — פֿון זון צעהעלט —
וואָס סטראַדיוואַריוס האָט דאָ באַזעלט.

דו עפֿנסט דײַנע אויגן —
אַ געטין נאָכן פֿײַערפֿלי
מיט ש ט ע ר ב ל ע כ ן; אויף ליפּן דײַנע אַ צעבלי
פֿון שמייכל, לײַכט-באהויכט,
מיט פֿיל-באַטײַט
אין בליק.

און צײַט,
וואָס האָט זיך אַזוי אַוועקגערויכט,
פֿאַרטיפֿט די בענקשאַפֿט נאָך איינמאָליקן גליק.

דערוואַרטונג

אַזאַ פֿײַערקנויל גליט איינמאָל בלויז
בײַם ערשט-באַהעפֿט פֿון ליפּן;
אין פֿלאַמיקן אַרומנעם, אין אור-צעבּרויז:

דו, ריף פֿון מײַנע ריפּן!
פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזט
צום ערב-וועסנע פֿון אונדזערע יאָרן?

הײַנט, וואַרטסטו פֿאַר מיר, אויסגעטאָן
פֿון פֿליישׁ—ביינער-נאַקעט אין פֿראָסט.
— — — — — — — —
אַ קבר שפּילט זיך דורך מײַן זכּרון.

מירמלגלוסט

אָן קווינטעסענץ פֿון מאַנדראַגאָרע,
באַרוישט פֿון זיך, פֿון אייגנגוף,
דערשלאָג אין זיך דורך דיקסטער קאָרע
צו תּענוגים יאָדרע. כ'הער דעם רוף

פֿון קאָנאַראַק, צו זונגאָטס היכל!
פֿאַרליר זיך אין עראָטישן געפֿלעכט
פֿון מירלפֿלייש; צעגיי אין שמייכל
פֿון באַיאַדעראַ; מיש זיך אוים
מיט שטיין. — איז פּרײַז צו־גרוים
פֿאַר נעכט
מיט איר, אין זונגאָטס צויבערהויז.

נאָך הבֿדלה

ס׳איז שפּעט שוין נאָך הבֿדלה: זילבערט זומערנאַכט;
לבֿנה פֿלאַמט אין שויבן; און בלויז דאָס יונגוואַרג וואַכט.
אויף פּריזבעס שווײַגן מיידלעך; מאַנדאָלינע קלינגט.
אַרום זיי שטייען יינגלעך — און איינער זינגט.

ער זינגט פֿון דעם ציגײַנער, זײַן ראָמאַנס און סוף:
געקושט האָט ער די גרעפֿין — איז טויט זײַן שטראָף.
„ציגײַנערס לעבן איז גן־עדן; גיב־זשע מיר דײַן מויל!”
דער גראַף האָט אים געגעבן — אין האַרץ אַ קויל.

לבֿנה איבער דעכער שווימט צום הימלזוים;
די מיידלעך אויף דער פּריזבע אין וואַכן טרוים.
מקנא יענע גרעפֿין מיט איר ווילדן העלד.
ווער וועט נאָך פֿאַר דער ליבע זיך שיידן מיט דער וועלט?

„אַזאַ ראָמאַנס בײַ מיר, איז לעבן־טויט דאָך איין!
באַהאַלטן זיך אין אים, אין פֿיבער אויסצוגיין,
און זוכן אַזאַ ליבע וועל איך ימים־ווײַט...”

אַ וואָלקן אויף לבֿנה ציט פֿון מערבֿ־זײַט...

באַגין: צופֿרי

איך זע זי אָפּט, בײַם זוים פֿון וואַלד;
אַנטפּלעקט זיך מיר אין בראָנדזוענעם אַנטבלויז:
די הענט — אַ פֿײַגנבלאַט! באַהאַלט
דעם דנאָ — ווי צנועה! — פֿון צעבליטער רויז.

זי רופֿט מיך צו; איך גיי; נאָר זי
דערווײַטערט זיך מיט האַלב־פֿאַרמאַכטן אויג.
כ׳וויל בלייבן שטיין; דערפֿיל אַ צי,
און האַרץ גיט מיטאַמאָל זיך אַ צעפּויק.

באַלד נעם איך לויפֿן; זי אַנטלויפֿט.
איך כאַפּ זי, איידער זי מישט זיך מיט גרין.
זי קלאַמערט זיך אין מיר, און איך געפֿין
אַן אָרט, מיט בלעטער אָנגעהויפֿט.

אַרומקלעם און אַ פֿאַל פֿון פּיס,
אַ לאַנגער קוש — ווי נאַכגיביק זי איז!
— — — — — — — —
כ׳דערוואַך מיט דראָזש — דורך פֿענצטער גרויט באַגין.

איבערלעב

אַ רגע בלויז — ס'איז שוין אַ ווײַטער נעכטן —
מײַן הויט גליט נאָך מיט דײַנער; אָרעמס פֿלעכטן
זיך נאָך אַלץ; אויף ליפּן ברענט דער לעצטער קוש.
און גליק — ווי קורץ! — מיט דיר, אין יעדן חוש

איז אײַנגעזיגלט. כ'וואַנדער אום; וויל נישט שלאָפֿן גיין.
כ'לעב דורך באַהעפֿט, אויפֿסנײַ, מיט זיך אַליין.
די ערד קומט מיר אַנטקעגן; די שטיינער ווערן וואַטע —
די ווײַסע געטין וויקלט־אוים פֿון שלײַער איר פֿולסטן חן.

פֿון גאָרן, אַ הויכן, קלינגט פֿרילינגס־סאָנאַטע.

עפל

און איידער גרויקייט שפּיציקט קנאָכן דורך מײַן הויט,
פֿאַרהאַלט איך זיך בײַם רויטן עפּל איבער פּלויט —
איז וואָס, אַז בוים וויל וואַקסן גראָד אין פֿרעמדן סאָד?
ווען ס׳קומט זײַן פּרי מיר צום גרייך — וואָס מיינט פֿאַרבאָט?

ווי פֿויגל נעמט בײַם אויסברי מיט דעם וואַנדערדראַנג,
די מורא, רייץ און צי צו אויגן פֿון דער שלאַנג,
האָט מיר, אין זאָמען שוין, באַשאַפֿער אָנפֿאַרטרויט
דעם פֿאַרגעפֿיל, די שרעק און יאָגעניש נאָך טויט.

איז אויב איך ווייס, און זע פֿאַרויס דעם סוף פֿון גאַנג,
פֿאַרוואָס פֿאַרבײַגיין עפּל, אַז איצט, שוין איצט, טוט באַנג,
הלמאי איך האָב צו־אָפּט נאָך צוגעאײַלט מײַן טראָט:
געלאָזט אַזוי פֿיל פּירות פֿאַלן פֿאַר וואָרים און קראָט.

אין פֿאַלב

מיט איר בין איך געווען, ביז מאָרגנגלי
האָט אויף קופּאָלן בלענדיק זיך צעשפּילט;
גענידערט האָבן מיר פֿון בלויעם פֿלי,
געפֿלאַטער ווייסער האָט זיך איַינגעשטילט.

און מיטן מאָרגן גרויט אַריַין באַגין
מיט חלומס אויסבלאָס אין דעם שטילן טאָג;
פֿון אינדערוואָכן קריכט אַרויס אַ שפּין,
און ציט אַרויס פֿון נאַכט דעם לעצטן סאָק.

נאָר פֿון דעם מזרח-רויט שוועבט-אָן אַ שוואַלב
גליַיך אויף דער גרויער שפּין; פֿאַרמאַכט
אויף איר דעם שנאָבל. — ס'האָט די ציַיט אין פֿאַלב
פֿון מאַנטל אירן — נאָך פֿאַר אונדז אַ נאַכט.

לאַ פּאַליאַ

איר האָט אין מײַנער, פֿאַרנעפּלט די אויגן.
פֿון פּאַדיום ברוויזט קאַרעלים לאַ פּאַליאַ.
און טאָפּלגריפֿן — רעגנבויגן:

קום נענטער, קאַרִיסימאַ מיאַ!

אַזוי האָבן הערצער זיך צונויפגעגאָסן —
צו פֿינגער אויף סטרונעס; בײַם צי פֿון בויגן —
געטוליעט זיך פּאַרלעך — און צײַט איז געפֿלאָסן;
געקומען זענען פֿייגל, און אַוועקגעפֿלויגן.

די ליליעס האָבן די בעכערס אויפֿגעשלאָסן;
צום אייגנבילד אין וואַסער זיך געבויגן:
אַוועק מיטן טײַך — מיט אַזוי פֿיל פֿאַרוואָסן,
אַ יאָר און אַ יאָר — מיטגעצויגן.

אַזוי קום נענטער, נענטער, קאַרִיסימאַ מיאַ!
ווי נינאַ צו פּערגאָלעסין, איר חתן.
נאָך איידער לעבן ווערט אונדז אויך אַ ו ו י אַ
און אפשר ד אָ ל אָ ר אָ ז אַ — מיט פֿינצטערע פֿאַרדראָסן.

וויאַ דאָלאָראָזאַ — וועג פֿון צער

שפּאַס אין באַגין

אַ שאַרבן, אַ צעשריגענער, איז איר הויז
פֿאַר מיר געוואָרן,
זינט זי איז אַוועק —

לבנהס בלייכער האָרן
וואַקסט מיט טעג
צום פֿולן פּנים, צום רויטן צאָרן,
און מינערט ווידער זיך צו אויס.

דורך מיטנעכט פֿליסט אַן אומעט בלאַסער
פֿון שלאָג צו שלאָג
אין זייגער־גלאָק.

און ווען פאַרטאָג
קומט־אָן,
איז ער אַ שפּאַסער,
אַ בופֿאָן.

מיט דיר

ווי גוט ס׳איז מיט דיר אײַנצודרימלען
אונטער די פֿליגלען פֿון נאַכט;
די לבנה, זי וועט אונדז מיטהימלען,
אין חלום, דעם בלויעם פאַרטראַכט.

אין חלום, אין בלויעם, די בענקשאַפֿט פֿאַרוויגן,
פֿאַרוויגן דעם ווילדן באַגער;
די שטערן, זיי וועלן אונדז זינגען אַ ניגון,
דעם ניגון פֿון פֿרייד דורך אַ טרער.

אויף איין בריק

ווי דאַנטע, וואַרט איך — אויף דער זעלבער בריק — איצט:
אויסצוקלויבן

אַ בעאַטריטשע. זונטאָג. מאַי. סנאָפּעם זון — און טויבן
פֿאַרפּליאָנטערט צווישן זיי. באַלד וועלן אויפֿגיין די פּאָרטאַלן
פֿון קירכן — און אַרויסקומען וועלן אויסגעפּוצטע אידעאַלן,
די אייניקלעך פֿון באַזונגענע אין קלאַנג, שטיין און פֿאַרבן:

„וועדער לאַ מיאַ בעלאַ ע פּאַי...״ — שטאַרבן.

אויסקלויב

ווי יענער סקולפּטאָר, דער גרעסטער ביי די גריכן,
אַזוי גיי איך אויך איבער דער שטאָט אַרום.
קלויב-אויס פֿון פֿרויען זייערע שענסטע שטריכן,
און שאַף פֿון זיי א י י נ ע — אַזוי אין וואָר־חלום.
(אויף וויפל ייִד; אויף וויפל פֿרום,
היט איך זיך פֿון די פסלים.)

„פֿאַרגלייַכן זענען העסלעך" — דרשנט דער רוימער,
און יענער — גריך — האָט דעם יתרון איבער מיר:
וואָס פאַר זייַן קונסטווערק דאַרף ער נישט קיין טרוימער;
גענוג, אַז ער קען קוקן, ווערט ער זיך דערוויסן!

נאָר מייַן סטאַטוע! קען ווער דערבליקן זיך צו איר?
איר שיינקייט געניסן?

כ'בין נאָר מתפלל, דער הימל זאָל געבן:
זי זאָל ווי פיגמאַליאָנס גאַלאַטעאַ אויך קומען צום לעבן!

וואָרנונג

פֿאַרליבטע אונטער דער בערעזע — אין טײַך
איז דער הימל אַ טאָל.
„ווי שווער מיר איז אָוועקצוגיין פֿון אײַך!"
זיפֿצט נימפֿע ווידעראָמאָל.

„און נישט אַזוי פון ביידע, ווי פֿון דיר..."
זי טײַטלט נאָר אויף אים.
פֿאַרליבטע גיבן זיך נישט קיין ריר —
זיי הערן נישט איר שטים.

„איר לאַכט? פֿאַרגעסט, אַז האָס איז בלינד?
נקמה ווייסט קיין רו!"

ווער ענטפֿערט איר, אַחוץ דער ווינט?

בערעזע שאָקלט צו...

באַרקאַראָלע

אין בין־השמשות וויגט זיך די גאָנדאָלע;
זײַן וועסלע שפּריצט מיט פּלעמלעך זון. — צעקלינגט
זײַן קול זיך גאָלדיק מיט אַ באַרקאַראָלע:
סירענעס שווײַגן פּאָרכטיק, ווען ער זינגט.

ער פירט אַוועק מיך אין באַרווישטן דרימל,
און טונקלע הייל אַנטפּלעקט זיך אומגעריכט;
פּאַרשווינדט ימס עמעראַלד, לאַזור פֿון הימל —
אַז זײַנע אויגן שײַנען, ווער דאַרף ליכט?

ווי קומט אין טונקלער הייל אַזוי פֿיל שטערן?
האָט ערד מיט אונדזער וואָרף זיך מיטגעוויגט?
צעווירבלט האָבן זיך מיט אונדז די ספּערן?

מײַן אויסגעשריי פֿון גליק האָב איך דערשטיקט.

כּוס

אין וואַסער פֿלאַמט לבֿנה — אַ פֿייערסנאָפּ,
און ווידערשפּיגלט שײַן אויף בריקל;
דער טײַך צעפֿינקלט זיך מיט יעדן טראָפּ,
אַ וווּנדערטעפּיך אין פֿונאַנדערוויקל —

פֿאַר נימפֿע, אויפֿן וועג צו מיר, פֿון קוואַל.
זי קומט, און דיאַדעם אויף איר גראַציעזן קאָפּ
פֿאַרשאָטנט אַלץ — צום זילבערקלאָרן גלאָקנשאַל.

דערנענטערט זיך, נעמט־אָן מײַן האַנט, און פֿירט אַראָפּ
מיך טיף, צום דנאָ — און דורך אים צו איר שלאָס:
צו טרינקען מיט איר ווײַן פֿון אַפֿראָדיטעס כּוס.

אַרגוס

בײַ מיר אין האַרץ הייסט זי מעטעלאַ,
די העלדין פֿון קראַשינסקים דראַמע;
ווי פּאַגאַנינים קאַמפּאַנעלאַ
איר קול צעגלעקלט. — נאָר איר מאַמע,

זי וואַכט ווי אַרגוס, טויזנטאויגיק;
זי שאַפּעראָנט איר בת־יחידה;
זי היט, זי זאָל נישט טאָן בשוגג,
אַ חטא, אַ מינדסטן! — איז מיר אַ חידה,

וואָס זי האָט דורך אַזוי פֿיל בליקן,
אַזוי פֿיל מאָדנע, שטרענגע כּללים —
דערלאָזט מײַן בענקעניש אַ תּיקון,
אין טאָכטערס אָרעמס — כאָטש אין חלום!

אין גאָרטן

אין גאָרטן איז פּוסט —
צום שטערנשײַן בלייכט
אַ מאַרמאָרענע — און פֿאַרגעסענע — באַנק,
אַנטקעגן פֿאָנטאַנע,
אַן אויסגעטריקנטער שווין פֿון לאַנג —

צווישן דיאַנע
און אַמאָר שלייכט
לוסט.

וויפֿל דורות באַגעגעניש,
געזעגעניש?
וויפֿל הענט האָבן אין פֿרעגעניש-אויפֿרעגעניש,
זיך געגליטשט און געשליפֿן
די קופּערנע היפּאָגריפֿן?

אין דער אַלטאַנע,
וווּ באַגער האָט אײַנגעהלשט די אויגן,
האָט זיך דעמב אַרײַנגעבויגן —

זאָגט זיך ווי אין דער כראָניקע
פֿון צײַטן לאַנגאָניקע,
אַז אַרכיטעקט
האָט געזוכט אַזאַ דעקאָראַטיוון עפֿעקט,
און אַזוי טאַקע געפּלאַנט דעם בוים?

„ווי זאָל איך דיך וויגן
אויף הוידאַלקע אָן שטריק?"

פֿון יענער זײַט צוים
פֿליסט פֿאַרבענקטער ניגון
פֿון פֿאַסטעכס האַרמאָניקע —
נאָך פֿאַרלוירענעם גליק,
אָן וועג צוריק
צו פֿאַרגעסענער באַנק,
אַנטקעגן פֿאָנטאַנע,
אָן אויסגעטריקנטער שוין פֿון לאַנג.

צוויי וועלטן

ווינטער:
לבנה איבערן בית-עלמין און צווינטער,
צווישן וואָלקנס, בלייכע, צעפּליקטע —
מיט פּאַסן ליכט און שאָטן — אין בײַט —
אויף מצבֿות, צלמים, איבער אַרויסגעוויגטע
פֿון ערדישער צײַט.

צוויי קבֿרים אונטערן שניי, אַזוי ווײַט
פֿון זיך! אָטעמען מיט בענקשאַפֿט; איר גלי
האָט טויט נישט פֿאַרלאָשן,
ווי ס'לעבן האָט זייער פֿלי
נישט גענידריקט דורך גאָט אָדער לשון.

אין זונטאָג איז זי אים אַנטקעגנגעקומען:
זי איז אין צערקווע געגאַנגען;
און ער — לערנען אין קלויז...
אָן אַ וואָרט: מיט אַ בליק בלויז, אַ שטומען,
צעצונדן האָבן זיך זייערע פֿאַרלאַנגען —
און ווילדער צעברויז
פֿון יונגן בלוט
האָט שוין מער נישט גערוט.

אין חלום בלויז
זיך באַגעגנט — און געברענט;
ווײַל פּראַסטיקער וואָר
איז, ווי ווענט
און תהום, צווישן הויז און הויז.

זיך קיינמאָל נישט אָנגערירט —
געקוקט אין די אויגן אַ רגע — געשוויגן —

אין רעיון זי אַהיימגעפֿירט
צו זיך, און אויסגעשריגן
ווערטער,
לאַנג־פֿאַרקלעמטע: „איך בין דײַן באַשערטער!"

אויף אַ געלעגער — באַזונדער: זי
פֿלאַקערט נעכט
און פֿאַרשוועכט
מיט אַ פֿרעמדן איר גוף —
ביז אינדערפֿרי,
ווען רוף
פֿון האָן
צעציטערט אַ צאָן אין צאָן.

טעג רינגלען זיך אין יאָרן:
איינער האָט די רויז — אַ צווייטער דעם דאָרן.
טײַכן שווימען צום ים,
נאָר מויל קומט נישט צו מויל.

פֿאַר אים אַ קויל,
און פֿאַר איר — סם.
אין אַ שעה, נאָך איידער ס'האָט געטאָגט.

זיי האָבן עס אין בריוולעך געזאָגט.

ווינטער:
לבֿנה איבערן בית־עלמין און צווינטער —
ליכט און שאָטן — אַ טלית איבער הײַזער.

אויפֿן אַלטן ראָטהויז, גליווערט זייגער, אָן אַ קלונג,
אָן ווײַזער.
הונט אויף קייט בילט צו לבֿנה — מיט בייזן שפּרונג.

אור־היינט

אין אורוואַלד האָט ער נישט געפֿרעגט:

פֿאַרנאַכטלעך האָבן זיך זײַנע פֿינגער צעפּײַקלט,
און זי איז מיטגעגאַנגען
נאָך זײַנע פֿאַרלאַנגען,
וואָס בלוט האָט געוועקט.

די תּקופֿות האָבן זיך אָוועקגעקײַקלט,
אין הײַנטלאַנד איז פֿ ר ע ג ן אַ מוז,
און ענטפֿער נישט קיין חיוב:
בײַסט שאָלעכץ — און גרייכסט נישט די יאָדרע פֿון נוס.

איז ווען באַגער גיט אַ פֿלי־אויף
בײַם ע ר — און ז י קלאַפּט־אָפּ די פֿליגלען —
און איך בין ע ר — און דו ביסט ז י —

פֿאַרוואָס זאָל איך אַליין נישט רײַסן די זיגלען?
פֿאַרוואָס נישט מיטהויבן דיך צום הויכן פֿלי?

דיך ציט אַרײַן מיט גיר מײַן בליק
אין מוח, צום ענגסטן קניפּ פֿון זינען;
מיט דיר, דאָ שוין אַ ווילינקע, צו געפֿינען
אין הרהור, דעם סאַמע הייך פֿון ערדיש־גליק.

בײַ מיר — אין היכל אונטער שאַרבן —
דערוואַכט דײַן בילד מיט נײַע פֿאַרבן,
מיט נײַעם רייץ פֿאַר מײַנע חושים,
אין אויסשייל פֿון לבֿושים.

דו טאַנצט פֿאַר מיר אין ווירבלפֿלאַם,
און רײַסט מיך מיט, און רײַסט מיך מיט...

דעם וווּנדער זע! אָט איז מײַן טראַכט פֿאַר דיר אַ ראַם,
און דו אין איר — איך ברען אין דיר; אָט פֿליט
מײַן רעיון — און דו אין אים; איך אין דיר,
ביז פֿאַרוויר, ביז פֿאַרליר.

צעשפּליטער

ביסט בייז געוועזן, מײַן טײַערע — מיט רעכט! —
פֿאַרוואָס די פֿינגער מײַנע האָבן אויף דײַן שטערן
אַרומגעוואַנדערט; האָסט מײַן טראַכט דערכאַפּט:
„איר הויט? און וואָס וועט טאַקע ווערן
פֿון גלאַטער הויט? אַט זע אַ בלום! צאַפּט
סעזאָן נישט אויס איר זאַפֿט דורך טעג און נעכט?"

האָסט אָנגעקוקט מיך, ווי איך וואָלט פֿאַרשוועכט
דײַן נעקטאַר־כּוס, מיט ראַנד, אָן אומבאַרירטן,
וואָס האָסט דערלאַנגט מיר, בײַם פֿאַרפֿלעכט,
דעם פֿלאַמיקן. — מיר זאָגט דײַן בליק:
איך האָב צעקלאַפּט
אילוזיעס, חלומות. און פֿון פֿאַרדראָס
אַרויסגעשפּירטן,
און שמייכל פֿאַרביטערטן
דערוואַרט איך: כּוס
צעשפּליטערטן
אויף לעצטן פֿון די פֿלירטן.

פֿאַרשפּעקטיקט

ערשט איצט דערציילט ער מיר, איר ברודער,
אַז זי האָט פֿאַר מיר אין האַרץ אַ פֿלאַם
גענערט; איצט, ווען ס׳איז צו־שפּעט, ווען ים
וויגט שיף, שוין מײַלנווײַט פֿון ברעג — און רודער

איז אָנגעשטעלט אויף נײַעם שטערן. פֿאַרוואָס
האָט זי די בליקן מײַנע אָפּגעשלאָגן?

האָט גלי אין זיי איר מ ע ר געקאָנט נאָך זאָגן?
וואָלט נאָך אַ טראָפּ אַרײַן אין פֿולן כּוס,
וואָס כ׳האָב מיט מויל, אַ שטומען, צוגעטראָגן?

זי גערט פֿאַר מיר, זאָגסטו, אין האַרץ אַ פֿלאַם;
מײַן כּוס איז אַלץ נאָך פֿול צום ראַנד — מיט סם.

בײַם פֿרעמדן ראָד

אַהער האָט אים דערטראָגן,
דעם אַלטן ציגײַנער — דורך װעגן, איבער באַרג
און טאָל — צו שטאַרבן, אָנגעלענט אין ראָד
פֿון פֿרעמדן װאָגן,
אין מיטן מאַרק
פֿון גלײַכגילטיקער שטאָט.
זײַנע — אַרום אים געבױגן,
װי אַמאַראַנט, די אומטױט־בלום —
און װײַב אָנגעהאָנגען אין זײַנע אױגן.

קומט גלח. — אַ שמייכל אױפֿן מױל
פֿון גוסס, װי אַ סערפּל, קרימלען. — װאָס װיל ער פֿון קױל,
װאָס טליִעט אױס? נאָך מער אַש
װאַרפֿן אױף איר? ער װינקט אַװעק די פֿלאַש
מיט רפֿואה. צלם — נאָך געמורמל — רוקט זיך אָפּ,
און װײַב נײַגט זיך װידער צו
מיט זיכער־רו.

און פֿליטערלעך, פֿערעלעך אױף איר קאָפּ,
פֿינקלען טיאַריש.

װי איר אור־מוטער, די מאַהאַראַני,
נעמט זי זײַן פּנים אין אירע דאַרע הענט;
און ער, דער קראַל פֿון די גיטאַני,
צערטלט־אױס דעם סאַמע־לעצטן קאָמפּלימענט
אין דעם לשון פֿון ראָמאַני.

געוועב

דו זאָגסט: זיך אײַנגעלעבט;
פֿאַרוואָס, פֿרעג איך, נישט אײַנגעוועבט?

זע — די פֿעדים אונדזערע לויפֿן דורכאַנאַנדער
מיט אונדזער וואַנדער —

און פֿון געפֿלעכט
דורך טעג און נעכט,
וואָס ווערט?

נישט א י ך, און נישט ד ו, נאָר פֿון אונדז ב י י ד ן
שאַפֿט זיך אַ געוועב, וואָס שווערד
פֿון דעמיורג וועט מער נישט צעשיידן.

אַראָפּ

אָט איז דעם רבינס געסל; אָט איז דער באַרגאַרויף:
ער פֿירט אַרויף צום הימל; אַרויף צו איר —
אָט בין איך נאָך אַ ייִנגל; בענקשאַפֿט רופֿט, איך לויף;
איך בין שוין אין די קלייטן, ביַי איר טיר.

די טיר טרעף איך פֿאַרשלאָסן;
מיַין האַרץ האָט מיך גענאַרט:
אַ צווייטער איז איר חתן;
אומזיסט האָב איך געוואַרט.

אָט איז דעם רביגס געסל; אָט איז דער באַרגאַראָפּ:
ער פֿירט אַראָפּ צום שטיבל, אַראָפּ צו מיר —
אָט בין איך אין די יאָרן; קברות־גראָז אויף קאָפּ —
פֿאַרשלאָסן איז דער דרויסן — כ'פֿאַרמאַך מיַין טיר.

אין מיטן פון דרײַ־פערטל

נאכט נאָך נאכט — אין צוועלף געַנוי,
שפּילט ער אויפן קלאַרינעט,
מײַן שכן: ס ע ל מ אַ וו אַ ל ץ — אַזוי
אומהיימלעך, ווי אַ שד

וואָלט געצוווּנגען אים. ווער
איז ער, ווער, מײַן שכן? פאַרוואָס
דווקא ס ע ל מ אַ — און נישט מער?
וואָס וואַרגט ער זיך בײַם בלאָז,
ווען ער קומט צו יענעם טאַקט?

מיטאַמאָל פאַרשווײַגט ער גאַנץ,
און אָטעם ווערט ווי אָפּגעהאַקט —

אין וואָס דערמאָנט אים יענער טאַנץ?

מתנה

זי שטייט בײַם װעבשטול, שיפּלט װאָל דורך טאָפּלטער אָסנאָװע:
און קניפּט און ציפּט־אָפּ. די פֿינגער אין גאַלאָפּ,
די אויגן װי בײַ סאָװע.
זי פֿאָלגט נאָך דעם מוסטער, בײַ זיך אין קאָפּ:
זײַן פֿאָרבילד — איר געליבטער!
זי װעבט אים אַרײַן — ענג,
און פֿלעכט
דורך אים אַ װאָלקאָלאַק.

„געדענק
מתּנה פֿון דײַן כּלה, דער באַטריבטער!
פֿאַר אירע בייזע נעכט,
פֿאַר װאַרפֿן זי אויף הויפֿן בראָק!"

זי אײַלט זיך צו. געװיין
איז נישט פֿאַר איצט.
ער װעט דאָך מאָרגן אין דער צערקװע גיין,
אַ צװייטע בײַ זײַן זײַט —

און ווי די צײַט
— פֿאַרבליצט
און אירע פֿינגער בליצן מיט
מיט וואַל נאָך וואַל.
און זייער צאָל,
צונויפֿגעקלאַפּט, גיט
פֿיגור — אין זײַן פֿאַרנעם,
דעם גאַנצן — נאָר אין אַ מאָדנער חיהם קלעם —
ז י װ ו ע ט א י ם ב אַ ש ט ר אָ פֿ ן!

אין יענער נאַכט
איז ער שוין מער נישט געשלאָפֿן.

ווען ער האָט ענדלעך די אויגן פֿאַרמאַכט,
האָט ער זיי שוין מער נישט געעפֿנט. — פֿאַרטאָג
האָט זיך צעקלונגען דער צערקווע־גלאָק,
נאָר אים נישט געקאָנט דערוועקן.

און זי האָט צוגעקניפּט די לעצטע צוויי עקן
פֿון וואַל — און האָט זיך הויך צעלאַכט.

מאַטיוו

אַ זיבן מאָל האָט זיך דער צווייט
געביטן אויפֿן ווײַנשלבוים.
איך וואַרט אויף דיר.
און ס'קומט סוף זומער, מיט עפּל, באַר און פֿלוים;
דער האַרבסט שאַרט בלעטער צו דער טיר —
דערנאָך שניי, אָן שפּור פֿון דײַנע טריט.

אַזוי פֿיל זונען האָבן זיך געביטן.
וואָס מיינט אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר?
ווי האָסטו מיר געזאָגט?
„דער סדר־עולם איז שוין אַזוי:
דער פּרינץ איז פֿון שלאָס אַרויסגעריטן;
געבליבן איז די פֿרוי — "

אַזוי דור נאָך דור

און בענקשאַפֿט מײַנע נאָגט...

דערגאַנץ

זי שמייכלט נאָך צו מיר פֿון אַלטן בילד.
אַרויסרוף אויף איר מויל, מיט שפּאָט פֿאַרווינקלט;
און דורך פֿאַרבענקטע אויגן — גרינלעך פֿינקלט
אַ תּאווה, וואָס קיין מאַן האָט נישט געשטילט.

דער מאָלער האָט איר ברוסט מיר בלויז פֿאַרגונען,
קיין רמז אָנגעדײַט אויף טאַליע, היפּט
און פּים. נאָר איך האָב חנען אויסגעפֿונען
אין דמיון; איבער דורות זיך דערטיפּט

צום גאַנצן סוד. די פֿינגער לײַכט בײַם זוים
פֿון שלייער — וועגנוס אויפֿגעטויכט פֿון שוים.
איך שליס די אויגן: פֿאַר אַ הרף־עין
פֿאַרברענט זי מיך אין גלי פֿון ווילדסטן רעיון.

זונבלום

אַ זונבלום, אַ וואַנגאַגישע, נאָר לעבעדיקע, שיכור
פֿון ווינט, דרייט געלן קרײַזלויף איבער גראָזן —
ציט־אויס דעם האַלדז און פֿאָלגט נאָך לאַשיקל, אין געבריקער:

און אַגיער, זײַן גריווע צעבלאָזן,
צעקאָפּעט מיט פֿאָדערשטע פֿיס דעם צוים —

פֿאַרוואָס האָט צלם־אלוקים
זיך געשטעלט צווישן אים
און זײַן האַרעם, אַרום לינדנבוים?

צוויי אותיות

היאַצינט,
דו ליבלינג פֿון זון און ווינט!
נאָך שרײַען פֿון דײַן נאָמען
אַלף און יוד,
און טראָפּנס פֿון דײַן בלוט
גליווערן אויף דײַנע בלעטלעך,
און מישן זיך מיט דײַנע זאָמען.

אַ י, היאַצינט,
פֿאַרוואָס האָסטו גראָד אַפּאָלאָן אויסגעקליבן?
(דערפֿאַר מיט דײַן לעבן באַצאָלט)
מיינסטו, ער איז דיר כאָטש געטרײַ געבליבן?

דער זון־גאָט איז געווען קאַפּריזנער ווי דער ווינט.

א ו ן אַ ז ע ר ש ײַ נ ט , א י ז ע ר ד ע ן ג אָ ל ד ?

אַן סטרונעס

איז מודה זיך פֿאַר מיר אַ ווירטואָז:

קיינמאָל האָב איך נישט געפֿילט
מער פֿײַער, ווי ווען איך האָב געשפּילט
מיט ערשטער געליבטער, מײַן קאָזינקע, דאָרט,
בײַ זיך אין שטעטל:
ווען איך האָב געטאָן אַ צעלאָז
זיך אויפֿן פֿידל — אַזוי זיך אָן אַן אינסטרומענט
אין מײַנע הענט.
און ווי זי האָט, ווי אויף אַ פּיאַנע, יעדן אַקאָרד
אויסגעקלאַפּט אויפֿן פֿענצטערברעטל!

ווען טעג טראָגן זיך אַוועק ווי טרונעס —
ווי בענק איך נאָך דיר, פֿידל, אָן האַלץ, אָן סטרונעס!

סאַפּיש

דו שמייכלסט מיידלש נאָך — און אין די ווינקלען
פֿון די ליפּן דײַנע פּינקלען
שוין באַגערן, אנטריניקע,
און דאָך אייגנמיניקע.

צי ווייסטו, אַז אין דײַנע בלוטן יערט יענער ווײַן,
וואָס' האָט די דיכטערין פֿון גריכנלאַנד
באַרוישט, צו זײַן
אַ שקלאַפֿין צו אַ שקלאַפֿין; אין טרוים
צו זוכן דעם זוים
פֿון איר קלייד — און אָנרירן כאָטש איר האַנט?

פֿלייש פֿון חלל

דער קאַטער אויפֿן קוימען,
מיט רוקן אויסגעראַגלט —
אַ שאַרפֿער סילועט אין לבֿנה־שײַן.
שטרעקט לאַפּעס, אַרײַנגעגנאַגלט
אין די רוימען
אַרײַן.

ער רײַסט פֿאַר זיך פֿון קאָסמאָס־לײַב
אַ זי —
נאָך ערב האָנס פֿונאַנדערטרײַב
פֿון שטערן,
צוזאַמען מיט באַגערן,
צום אויסגעוועפּטן אינדערפֿרי.

האַרץ אויף בוים

וואָס איז אַ יאָר בײַם בוים? און דאָך
איז גרייט פֿאַר אים די שעה פֿון בראָך,
ווען נײַער דור געפֿליגל פֿליט
פֿון אים אַוועק. אַ צווייטער גיט

שוין צווײַג און בלאַט — איך בין געווען
אין וואַלד; מײַן בוים האָב איך געזען.
און פֿרעג הויך: „זאָג מיר, זון, צי שטאַרבט
אויך האַרץ, וואָס איך האָב אויסגעקאַרבט

אויף אים?" ווי שאַרף ס'איז פֿײַל דורך אות
און אות — אַזוי שטעכט דער פֿאַרוואָס.

זון ענטפֿערט נישט, ווײַל זון אַליין
וועט אויך — נאָך תּקופֿות — אונטערגיין.

אומקער

און וועסט אַמאָל זיך ווידערן אין אַנטפּלעק,
דעם בראָנדזענעם, אין נאַגלעם גאַס
פֿון יוני־זון אויף דיר — מיט פֿולער מאָס,
אַזויווי יענע שעה, אין שענסטן פֿון די טעג,
ווען שטעג,
געשלענגלטער, האָט אונדז צוגעפֿירט
צו ווינקל אין דעם וואַלד, ווו זעג
און האַק — דער בייזער צווילינג —
האָט קיינמאָל נישט געהערשט.

וועסט קומען נאָך צו מיר, אומבאַרירט,
ביים שוועבֿ פֿון נייעם פֿרילינג,
אין פֿריִען קנאָספּער — צ י י ט י ק, ע ר ש ט !

עגאַטיקאַ

זעלבסטצווײַגל

אַ צווײַגל מיט צוויט באַשאָטן,
פֿאַרהאָנגען ווי אויף זיך אַליין —
אַוווּ איז בוים, שטאַם אַרײַנגעקניפּט אין ערד?

אַז דו טרינקסט זון, איז נאָך צו פֿאַרשטיין —
נאָר זאָג: ווי ביסטו עפּעס אַזוי געראָטן?
ווי האָסטו זיך אַן סאָק גענערט?

ווער האַלט דיך, צווײַגל, אויף דער לופֿט?

אָט פֿליט צו דיר אַ בין,
צעשאַרט די בלעטלעך, און טוקט
אין זיי נאָך נעקטאַר. אַ בוים, אַ שכן, קוקט
אַזוי אויף דיר. ער רופֿט
דיך אָנצוהענגען זיך צווישן זײַנע זין —
נאָר דו, צווײַגל, גיסט זיך אַ רוק
אַוועק פֿון אים,
און ענטפֿערסט אים, אַזוי אָן שטים:

זון, ווינט, רעגן — זענען מיר אויך גענוג.

אַזױ־װי

אין דער װעלט פֿון כּ מ ו —
זינט איך האָב זיך אַרײַנגעצױגן,
לעב איך אַזױ
װי װידערגעבױרן. מײַנע אױגן
ברענגען נאָך אַלץ דעם מוח דעם זעלבן געשטרײַף
פֿון ליכט און שאָטן;
אָבער איצט, צװישן שלײַף און שלײַף —
(אין מוח) טײַטשן זיך אַנדערש די בילדער, אין נײַעם עולם קטן.
אַזאַ איבערשטעל פֿון אַטאָמען־שטױב
אַזאַ איבערװאַנדל פֿון באַגריפֿן —
מוז געשען בלױז אין ממשלת פֿון װ ו י — א ו י ב ,
װען לינדז װערט איבערגעשליפֿן.

אין דער װעלט פֿון כּמו
איז אַ נ ד ע ר ש מיר אַזױ.

געפֿאַנגען

און פֿאַרוואָס טאַקע נישט שבירת־הלבֿ?
אַז היינט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, הער איך טריט
אין מיין זכּרון — צום טויער,
וואָס איז נאָך אַלץ פֿאַרשלאָסן — פֿאַר מיר! איך טרעף
קיין חיה נישט, אין לויער,
ווי מיר האָט אויסגעדוכט אין מיט
פֿון וועג.

נאָך גרעסער ווערט באַדויער —
איך פֿרעג:

„פֿאַרוואָס האָט דיין האַנט
געטאָן אַ ציטער,
דו הידאַלגאָ־שפּליטער —
נאָך וואַנדער איבער לאַנד
פֿון וואָס־וואָלט־באַדאַרפֿט צו־זיין?

האָסטו באמת געוואָלט אַריין?
צי איז דיר בעסער געווען צו שוועבן
דורך פּוסטע, פֿרוכטלאָזע נעכטנס פֿון לעבן?

פֿאַרוואָס נישט לערנען פֿון אַ שפּין
דעם סוד פֿון וועבן?

צו־שפּעט שוין! ביסט געפֿאַנגען
אין פּלאָנט, וווּהין
דו ביסט פֿאַרגאַנגען."

אַלעקסאַנדער אויף בוצעפֿאַל

אַ הויב פֿון שווערד און פֿאַל — ס'איז אוים
מיט אַרצע־קנופּ, דעם גאַרדישן. קום,
באַפֿרײַ מיך אויך פֿון פּלאָנט אַרום,
און פֿיר פֿון אומבאַשלוס אַרויס

אַ קרבן, וואָס זוכט־אויס נאָך מער
פֿאַרוויקלעכץ אין דעם פּלפּול. — העלף,
מײַן האַר, ווײַל ס'רוקט זיך שוין צו צוועלף —

חצות קומט־אָן; צו מײַן געהער
דערטראָגט זיך שוין געוואָי פֿון וועלף.

ער קומט אויף בוצעפֿאַל — גאַלאָפּ!
ער הויבט זײַן שווערד, נאָר וווּ איז פֿאַל?
ער קוקט מיך אָן און שרײַט אַראָפּ
צו מיר — פֿון ווילדן בוצעפֿאַל:

„דײַן קנופּ איז דאָך בײַ דיר אין קאָפּ!“

נעגאַ

פֿאַרוואָס זיך טאַקע אַמפּערן מיט זיך אַליין ?
דער ים איז שטורמיש — איז שטאַרק אַזוי די שיף ?
דו זאָלסט, דורך נעפּל, אין אַ מלחמה גיין,
און קעגן זיך נאָך זײַן אַ מחרחר־ריב ?

איז ווייניק דײַן מלחמה קעגן מענטש, נאַטור ?
דאַרפֿסטו נאָך קעמפֿן קעגן אייגן האַרץ ?
קענסטו געווינען, אויב זיג לאָזט אַלץ אַ שפּור
אויף דיר, ווי דימענט־קריץ אויף האַרטסטן קוואַרץ ?

איז ווען דו הערסט מערערס שטילן קול —
זײַ וויסן, אַז דאָס איז שטן פֿון שאול,
דײַן אייגענעם, אין דיר ! אַז דאָס איז עגאָ !

טאָ ענטפֿער אים בין־רגע: נ ע ג אָ !

שוואַרצבלום

פֿאַרשׂרפֿעט נידערן גראָזן
צום מאָכיק-גרינעם טײַך,
און בלינדבלומען — אָפּגעבלאָזן
פֿון פּוך.

און איך שטרײַך
איצט נאָך אַ טאָג
פֿון בוך —
אָן מאָס, אָן וואָג.

די זון, אַ מידע, טריפֿט
בײַם מערבֿ — פֿונקענווײַז.

פֿאַר אומליכט פֿיל
איך מער נישט אימה. ס'אַ שפּיל
פֿאַר מיר די פֿינצטערניש, וואָס כ'זוך
אַרום
ווי ווײַטע, שוואַרצע װוּנדערבלום.

קאַרטן

און איידער כ׳ווער אַנטשלאָפֿן, טאַשיר איך מײַנע א י כ ן —
אַזוי פֿיל קאָרטן אין טאַלאָן, אין דורכגעפּלאַטער גיכן!
אַ בילד אויף בילד — פֿילקאָלירקער פֿאַטאַמאָנטאַזש...

און מיטאַמאָל פֿאַרשווינדן זיי ווי סאַהאַריקער מיראַזש.

כ׳פֿאַרגיי אין דרימל — און באַלד אַנטפּלעקט זיך לעצטער א י ך
פֿאַר מיר — אָן פֿלייש אויף ביינער; קינדער שפּילן זיך
מיט שאַרבן מײַנעם, ווי מיט באַל. דער חלום קומט גאַנץ אָפּט!

ווי ווײַט איז צווישן לעצטן א י ך און איך, וואָס שלאָפֿט
גראָד איצט? ווער ווייסט, צי שטייט ער נישט צווישן ליפּ
און כּוס? צי בין איך נישט אָן אַקראָבאַט, וואָס קיצלט ריפּ
פֿון גורל? איז חלום — ח ל ו ם! — ס׳קומט נבֿיא אָן פֿון יענעם טאָל,
ווי ער האָט ביינער אויפֿגעלעבט — מוחל! ווער וויל דאָס לעבן נאָכאַמאָל?

צוזאַמענטרעף

זענט איר זיך שוין אַמאָל אַליין אַנטקעגנגעקומען,
אין ערגעץ, אַ ווינקל, ווו איר זענט שוין פֿריִער געווען,
און שטיין געבליבן אין פֿאַרגאַף, אַ שטומען,
ווען איר האָט זיך — אַ יִינגערן — מיטאַמאָל דערזען?

אויב יאָ, וועט איר לײַכט באַגרײַפֿן מײַן חידוש
פֿאַר זאַך, וואָס איז מיט מיר אומפֿאַרהאָפֿט געשען:
נישט באַגריסט זיך מיט מײַן אייגענעם א י ך — ידידיש;
געמיינט וואָלט ווער, ס'אַ שפּיל אַזאַ פֿון מיר, וואָס כ'דערקען

ז י ך נישט. איז ווער דען שולדיק, אַז מיר האָט דער ברען
געפֿעלט, און נישט געפֿונען אים אין עברם פּנים?

איז בייז געווען דער א י ך מײַנער, ווײַל אָן אים
און א י כ ן נאָך, וואָלט איך איצט זיך נישט געהאַלטן יחידיש-נגידיש.

און ווער איז דאָ שולדיק, אַז מ'זעט אויף אים אַ טרויער,
וואָס איז פֿון זכרון מיט דער צײַט אויסגערונען?
(ווי קינדיש, וואָס כ'האָב גאָר אַ לעבנסלוסט אַרײַנגעטײַטשט
אין א י ך פֿון אַמאָל!) וואָלט ווער, פֿרעגט, געגלויבט, אַז זויער

אין מויל שוין געווען נאָך יענעם טאָג? און צעקנייטשט
דער שטערן? — נאָר איצט, נאָך יאָרן, זיי ערשט געפֿונען,
די סימנים פֿון זמנים? אַז טערפּקע וואָר האָט צעבײַטשט
אַזוי דעם גאָלדנאיך — חלום, וואָס עמעץ אין מ י ר האָט געשפּונען?

אַמאָל

אַמאָל, ווען מיר ווערט נמאס צלם־אלוקים;
מיט גועל־נפש דריי איך זיך אַוועק פֿון שפּיגל.
וואָס איז מײַן פּנים? מער ווי אײַנגעניטער גרים —
אַן אײַנגעקנעלטער, דורך לעבן, זינט, אפשר, ערב־וויגל?

נישט אַנדערש, ווען באַשאַף האָט זיך בײַ גאָט געפּרילינגט,
פֿון יין־המשומרם פֿאַס האָט ער פֿאַרזוכט אַ טראָפּ,
אַן איבריקן — און אוים קאַפּריז זיך צוגעצווילינגט
אַ חיה — פֿאַר חרטה! דריי איך אויך דעם קאָפּ
אַוועק פֿון זיך אַליין. — אין שעה אַזאַ צעגרינט
זיך וועלט אויפֿסנײַ פֿאַר מיר; אַ האַנט דערלאַנגט אַ פֿאָדעם;
איך פֿאָלג אים נאָך, אַרוים פֿון טיפֿן לאַבירינט,
צום נײַעם ליכט, וואָס שטראַלט אַרוים פֿון ד מ ו ת ה אָ ד ם.

געצעלט אין צייט

ווי ווינציק פֿאַרגאַנגענע טעג
האָבן זיך נישט פֿאַרלוירן אויפֿן וועג.
און די פֿאַרבליבענע, זיי שטייען פֿאַר מיר,
אין אַ שורה אויסגעשטעלט,
איטלעכער טאָג אַ געצעלט,
און איטלעכער געצעלט מיט אַ טיר —
איך גיי זיי פֿאַרביי, שוועל נאָך שוועל — דער שומר
בין איך דאָך אַליין, און אויב מיר געפֿעלט
אַ טאָג, גיי איך אין אים אַרײַן. און אַזאַ טאָג,
כאָטש אין זכּרון, איז נישט גאָלע ט ר אַ כ ט ; ער איז חומר,
מיט וואָג,
מיט אָפּרוף פֿאַר יעדן חוש,
אָן יענעם-פֿאַרטוש,
וואָס קומט פֿון ווײַטקייט.

אַלצייַטקייט,
מײַן אַלצײַטקייט !
דו, מײַן אבן-השתיה !
ווי גרויס איז די זכיה
דיך צו האָבן !
נחלה אין געבענטשטן טאָל !
אויסגעגראָבן
פֿון עבר, דעם גאָלדענעם אַמאָל.

ווי גוט ס'איז ווינען ווידער אין יענע טעג,
וואָס האָבן זיך מיר געראַטעוועט פֿון לאַנגן וועג.

חרטה

אַוודאַי האָט אַן א י ך מײַנער לגבי דיר שלעכט געהאַנדלט —
חטאָתי! אָבער איך, דער איצטיקער, איז נישט דערזעלבער:
אַזוי פֿיל מאָל האָט פֿלייש זיך איבערגעוואַנדלט —
אַזוי פֿיל גריינסן, פֿיש, עופֿות, קעלבער
און אָקסן — האָבן דורך מיר געזוכט
עליה צו שענסטער פֿרוכט
אויף עץ־החיים. — דו קומסט מיך מאָנען הײַנט
פֿאַר חטא פֿון פֿלייש, וואָס איז שוין מ ײַ נ ס נישט מער.
ווען זון אַפֿילו, וואָס האָט אים צוגעזען, שײַנט
אויף אונדז מיט נײַעם פּנים. — ווער, ווער —
אָבער דו? מיט וויפֿל נאָך באַצאָרנטע נעכט
דאַרף איך דיר צאָלן עד יציאת נשמתי,
ווײַל אַן א י ך מײַנער האָט געהאַנדלט שלעכט
לגבי דיר? — חטאָתי!

פֿרעמדצײַט

אַמאָל דערוואַכסטו אין אַ פֿרעמדער שעה
פֿון טאָג — אויס אַ פֿאַרהוילענעם אַלמאַנאַך —
דערציטערסטו פּלוצים אין אַ נײַעם דאָ;
ווי מאָדנע קלינגט דאָס וואָרט פֿאַר יעדער זאַך.
נישט אַנדערש ווי אַ טעות אין דעם רײַזעפּלאַן;
ווילסט באַלד אַרויס פֿון אומגעריכטן בלויז
אין שטח — און כאָטש דו ביסט אַ שאָטן אויף עקראַן,
פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן בילדער — קענסטו נישט אַרויס.
פֿאַרפֿאַלן! בלײַבט אַ סילועט,
אַן אומגעבעטענער צווישן אַנגעהעריקע פֿיגורן.

מאַסקיר זיך, אויב דו קענסט, און ס'וועט
דײַן קאַמופֿלאַזש פֿאַרווישן די קאָנטורן.

און בלויז בײַ זיך אַליין וועסטו אַ פֿרעמדלינג בלײַבן,
נאָר וועסט אַן א י י נ ע נ ע ר, אַרומגיין, אויף סטעזשקעס, צווישן לייבן.

באַנק

בית-מדרש באַנק!
לאַנג-לאַנג,
פֿאַר מײַנע עלטער-זיידעס,
גענומען האָט מען שוין פֿון דיר
צו דרײַ שפּענדלעך פֿאַר עדות
בײַם נעגל-פֿאַרברענען.

אויך מיר
די יִינגלעך פֿון מײַן דור,
אויך מיר זענען
אויף דיר מיט קניפּעקלעך געגאַנגען
דורך זמנים אַ פּאָר,
אינצווישן די געזאַנגען
פֿון שיעור צו שיעור.

אויף דיר בין איך אויך געזעסן,
געבויגן איבער אַ גמרא
(און וויפֿל מאָל איך האָב זיך פֿאַרגעסן,
ביז רבי האָט געגעבן אַ טאָרע!)

געבלאָנקעט האָבן מײַנע אויגן,
פֿאַרפּישופֿטע, איבער חלב-פֿלעקן —
און דמיון האָט מיך אַרײַנגעצויגן
אין זייער וועלט; גענומען וועקן
פֿיגורן, פֿאַנטאַסטישע, פֿון יעדן מין:
מלאָכים, מענטשן, חיות, פֿייגל, פֿיש,
און אַלץ, וואָס האָט קוים געהאַט אַ שטיקל זין —
האָט געווימלט זיך, פֿאַר מיר, אויפֿן טיש...

רוף

אין בלוט, אין מײַנעם, האָט, הפּנים, ים גערוישט,
ווי וואַנדער אין אַ פֿויגל, בײַם געבורט;
ווען זעגלען האָבן זיך מיט וועסנעווינט געפוישט,
האָב איך זיך אויך די לעגנדן אָנגעגורט

פֿאַר לאַנגן וועג. דער חידוש איז מיר הײַנט נאָך גרויס:
וואָס איך, אַזוי ווײַט אָפּגערוקט פֿון ים,
דערפֿיל בײַם ערשטן רוף פֿון שוואַלב — אין האַרץ דעם ברויז,
וואָס פּאַסט פֿאַר אײנעם פֿון מאַטראָסן־שטאַם.

פֿון מערב גלעט אַ זאַנפֿטע לופֿט דעם לאָנקע־גרין;
און וואָלקן גאָלדיקט זיך מיט זיסן גרוס
פֿון אײַנגעשטילטע וואַסערן. עפּעס רײַסט אַהין
אַ כּוח, ווי אַן אײַנגעפֿלאַנצטער מוז —

נאָר אײדער איך באַווײַז צו נייגן גרייטן פֿוס
צו שיף אין צוויבערהאַפֿן — לעשט זיך פֿלאַם
אין מיר — ביז נײַעם אומגעפֿאָלגטן רוף פֿון ים.

אָן אַן נאָמען

מײַן חבר לייענט שוין קאַרל מאַרקס ; און איך ? אַלץ קאַרל מאַי :

ער, מאַי, איז מער נישט ווי אין תּפֿיסה געווען,
נאָר וואָס ער האָט אויסגעזען !

הלמאַי
האָט איר טענות צו מיר ?
ס'טײַטש, זײַנע לאַנדשאַפֿטן פֿאַרמאָגן דאָך, אַ חוץ קאָליר,
מער אמת, ווי די ראַיעלע פֿאַכלײַט האָבן
צוריקגעבראַכט אין ביכער, וואָס קראַקען ווי ראָבן !

הלוואַי,
איז דער הימל אַזוי ווי מײַן עלטער־מומע האָט אים באַשריבן,
ווען איך בין געווען זיבן,
און קראַנק !

מיר טוט נאָר באַנק,
פֿאַרוואָס איך האָב זיך אָנגעפּוישט
מיט סווערענבאָרגען.
(אַ וואַנדערלינג עפּעס האָט מיך מיט אים באַרוישט ;
דערציילט מיר, וויפֿל זאַכן ס'זענען פֿאַרבאָרגן
פֿון אונדזער ערדישן אויג.)

צום גליק האָב איך זיך דערכאַפּט, אַז סווערענבאָרגס מאַפּע טויג נישט פֿאַר מיר ; אַז דער בעסטער וועג צום אויבערשטנס שטול פֿירט דורך עלטער־מומעס טײַטפֿינגער — און דורך שוועל פֿון שול.

אויפֿן וועג

אויפֿגעכאַפּט זיך נאָכן שלאָף אונטער אַ בוים,
אויפֿן וועג צווישן צוויי פֿ ר ע מ ד ע שטעט:

דאָ? וואָס טו איך דאָ? אַ חלומס זוים
שלעפּט זיך נאָך אין טאָג אַריין. ס׳וועט

אפֿשר רעגענען — איז וואָס? איז אָן אַ דאַך!
נאָך אַ בייזער וואָלקן, נאָך אַ בליץ און שפּריץ;
נאָך אַ דונער אויף הימל, אַ פֿאַרגעסענעם — איך לאַך;
עפּעם לאַכט מיט אין מיר — ערגעץ געהערט דעם וויץ.

דוכט זיך? ניין! ס׳איז די היץ! מיטאַמאָל פֿאַרהילכט
מײַן געלעכטער: אַרום דער אײַנגעהילטער זון מילכט
נעפּל. דער ווינט גיט אַ שאַר דעם שטויב איבערן גראָז,
ס׳גיט אַ קלעם אין האַרץ, אַזוי פּלוצים — גיי פֿאַרשטיי, פֿ אַ ר וו אָ ס.

געלייענט

ס׳איז מיר היינט אויסגעקומען גראַד,
אין מילדן וועטער,
אַרויסצוגיין אויסער דער שטאָט...
האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף אַ הויפֿן ברעטער,
און די זון האָט אַ שפּיל
געטאָן אויף זיי — און אויף מיר. אָט בין
איך נאָך אַ יינגל, און ווידער פּיל
איך זיך איינס מיט האָקלבערי פֿין...

„אַ גרויסער טייַך איז מיסיסיפּי — שטיל אַרום,
ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געשלאָפֿן —
און ווען נישט די פּרעש — איז אַלץ שטום.
צום ערשטן האָבן מיר אָנגעטראָפֿן
אויף אַן אומקלאָרער ליניע — אַ וואַלד
אויפֿן צווייטן ברעג — קיין אַנדערע זאַך
איז נישט געווען צו זען — אָבער באַלד
אַ קליינטשיק בלאַס ווינקל אין דער הייך —
און דער טייַך איז מער נישט אַזוי רוי;
דער הימל ווערט מער און מער בלייך —
די וואַסערן זענען מער נישט שוואַרץ, נאָר גרוי...“

ווען איך בין, אַ סאָלדאַט, אויף דער מיסיסיפּי געווען,
איז מיר דאָס געווען דער גרעסטער חידוש:
וואָס איך האָב דעם טייַך גאָר אַנדערש געזען,
ווי כ׳האָב זיך אים פֿאַרטייַטשט אויף — יידיש.

טאָרמאַז

מיט מײַן חבֿר — ווו איז ער הײַנט? — בין איך געגאַנגען
דעם מזרח-אַנטקעגן, סוף תּמוז: אײַנצוהאַלטן דעם זומער!
(מיט אַזוי פֿיל צווײט און שניי צוריק.) די זאַנגען
פֿילפֿאַרביק צעוויגט, און מיר אין אַ מאָדנעם אומער.

געפֿרעגט: פֿאַרוואָס און נאָך וואָס דער בײַט פֿון סעזאָנען?
ווער זענען עס די זמנים? וואָס איז דאָ, וואָס? אַ חדר?
אַוועק מיטן לוח, וואָס האַלט אין איין דערמאָנען
די זון און די מזלות אין אײַנגעשטעלטן סדר!

שרײַט-אוים מײַן חבר: „ערד, איך בין אויף דיר גוזר!
בלײַב שטיין ווו דו ביסט, אין אייביקן גן-עדן!
אַניט, בין איך דיר מתּרה, ווי דו זעסט דאָ אונדז ביידן:

מיר שפּרינגען אַראָפּ פֿון דיר — און אוים מיטן גלגל-החוזר".

(אַ שפּרונג, אַ שמייכל) — „שווער זיך מיט דיר צו שיידן!"

סילאָגיזם

איר זוכט אויבן, צי אונטן
לאָגיק — אָדער כאָטש שׂכל געזונטן;
זאָג איך: אָן אמתער זוכער
דערשלאָגט זיך, אַז ווער ס׳זאָל נישט אין יעדן שטראָף זײַן —
איז בײַ אים ערגער, ווי אין מוקדם ומאוחר —

ווײַל דרינגט ער נאָך טיפֿער אַרײַן,
ווערט אים סדר־עולם אַ שפּיל, אַ קאַטאָוועס...

איר ווילט הגיון,
דערצו נאָך בײַם ומותר האָדם מן הבהמה אָין?

ס׳איז אַלץ — הערט איר? — אַ פּ ת ח ב כ ד ו ס י י ם ב ח ב י ת.

היסח הדעת

ווי נעכטן, גיי איך הײַנט, אויך אינדערפֿרי,
אַרום צום טײַך. כ׳האָב ליב, ווען וואַסער קומט
פֿון קוואַל גלײַך־אויס, און אומבאַרירט. אַ צי
פֿון מאָדנעם ווינט; אַ בין פֿליט דורך און זשומט

מיר עפּעס אַנדערש. סטעזשקעס — ברוין־און־געל
מיט בלעטער; פֿעלדער אָפּגעקאָסעט. טוי
אויף גרעזלעך נאָך. און קאַלינעס ווי קרעל
צעשאָטן — רויטלען זיך אויף זשמוטלעך שטרוי.

אָט איז דער טײַך: איך טו זיך אויס און שפּרינג
אַרײַן. דערפֿיל אַ קלעם פֿון אײַז. „אַנטלויף!" —
שרײַט ווער אין מיר. כ׳וויל שווימען, דוכט, כ׳זינק
אַראָפּ. — דערשלאָג זיך קוים צום ברעג — אַרויף

צו לופֿט, און ציטער אויס פֿון זיך דעם גרויל.
וואָס איז געשען דאָ? — נאָר מיר־ווערט באַלד קלאָר,
אַז „פּאַנטאַ רעי" איז נישט אַ זאָג, ס׳תם הויל
און פּוסט — נאָר מיטן וואַסער פֿליסט די וואָר:

„ווילסט באָדן זיך אין זעלבן שטראָם?" — איך קער
זיך אום אַהיים, נאָר מיט אַ צווייטן שטעג...
דורך שולגאַס... מיטאַמאָל אַ דראָזש — כ׳דערהער
אַ ת ק י ע ה... אלול — נאָך אַ יאָר אַוועק.

פּאַנטאַ רעי — אַלץ פֿליסט

מעווע

אַ טײַכל — און מיט אַ בריקל אויך,
אָבער יִינגלוואַרג שפּרינגט אַריבער —
און דאָך איז וואַסער גענוג גרויס, און דער פֿאַל הויך —
צו פֿירן מיך צום ים, ווען פֿרילינג קומט מיט זײַן פֿיבער.

האַפֿנס, איר ווײַטע האַפֿנס, ווי מיך ציט
צו אײַך! וויפֿל מאַטראָסן ס'קערן זיך אום
מיט באַדויער אין די קנייטשן פֿון פּנים, פֿליט
דאָך מײַן נשמה צו אײַך ווי אַ ווײַסע מעווע — כ'קום
צו אײַך, אַפֿילו ווען כ'ווייס, אַז איך בין
נאָך איינער, וואָס ברענגט אײַך אַ פּנים צו קאָרבן —

מיך רײַסט, האַפֿנס, צום אײגענעם אויסגעפֿין,
איידער איך וועל מוזן — דורך זיך אַליין — שטאַרבן.

פֿון בלאָט אַרויס

נישט אַלע ביכער האַלטן זיך אין קאָפּ, אַפֿילו
די בעסערע פֿאַרלירן זיך. וואָס איז דען זכּרון?
אַ זיפּ, נישט מער; און ווען אַ מענטש קומט נאָנט צו נעילה —
אַ רעשעטע! און שפּעטער, מיטן לויף פֿון יאָרן

אוים דנאָ! און אויב אַ בוך געדענקט זיך יאָ, פֿאַרבײַטן
די העלדן דאָרט די יוצרות. אָפֿט געשעט נאָך עפּעס:
זיי מישן אוים זיך מיט באַקאַנטע פֿון די צײַטן
געוועזענע. גיי זוך אַ פּנים אין אַ באַרג טשערעפּעס!

נאָר איינער לעבט אין דיר, כאָטש ווילסט אים שטאַרק פֿאַרגעסן.
ער שווימט פֿאַר דיר אַרויף בײַם אָפּגעקלאַפּ פֿון פֿליגלען.
ס'איז ווי אַ שׂונא וואָלט געשיקט אים מער דערפּרעסן
די שעה פֿון יאוש — ווען זעסט דײַן מאָרגן הינטער ריגלען.

ער קומט צו דיר דער העלד — און גראָד נישט פֿון נאָוועלע —
אַ סקיצע גאָר — און ס'איז נישט וויכטיג דאָ דער טיטל.
געוואָרנט האָט ער מיך: די רעדער זענען שנעלע;
שפּרינג גיך אַרויף! — האָב איך אויף אים געקוקט מיט ביטול.

געוועז איז דאָ אַ מעשׂה מיט אַ לאָמפּ — גאַנץ פּשוט.
דער העלד האָט אים געקויפֿט, און אָנגעגרייט פּאַפּירן,
צו שרײַבן ד ע ם ראָמאַן. ער האָט דעם טיש געפּראָשעט,
געדריקט די שלײַפֿן זיך, נאָר פּען וויל זיך נישט רירן!

אַזוי־אַ נאַכט נאָך נאַכט טינקט ער די פּען, נאָר ווערטער,
זיי שטופּן זיך אַזוי — אַז ס'איז זיי ענג דער טויער.
און אין געדרענג, געקאָך, פֿאַרטווישן זיי די ערטער —
ווי מאָדנע, פֿרעמד זיי קלינגען צו אַ מבֿינס אויער!

און איינמאָל ברענגט אַ שעה אויף ליפּן יענעם שמייכל:
„צו־פֿרי געזעצט זיך שרײַבן, פֿאַרט נישט גענוג געלערנט.
נישט ראוי בין איך נאָך אַרײַנצוגיין אין היכל."

דערווײַל איז מילד די נאַכט, דער הימל אויסגעשטערנט.

ר'פֿאַרלעשט דעם לאָמפּ, און גייט אַרוים פֿון שטוב... און ווײַטער?
וואָס ווײַטער? שטויב אויף לאָמפּ, פּאַפּירן, שטויב אויף חלום,

ביז טויט... נאָר מ י ר איז ער געוואָרן אַ באַגלייטער,
דער פֿײַנלעכסטער, ווײַל שפּעטסט־דערכאַפּטער פֿון משלים.

חשבון

אַ דבר־חכמה, גראָד פֿון פֿויער,
און נישט פֿון אַ טיפֿלינג: — ער זעט מיך אַזוי
(דער פֿויער) אַרומגיין; מײַן מינע זויער —
ער זאָגט מיר (און זײַן קאָפּ איז נאָך נישט גרוי):

„דו קוקסט מיר עפּעס אויס, מײַן פֿרײַנט,
ווי ס׳וואָלט געפֿעלט דיר צום טויט — אַ שפּאַן.‟
איך ענטפֿער: „יאָ, ווײַל יעדער הײַנט
איז מיר ווי לעצטער טאָג.‟ — „יונגער מאַן‟, —

זאָגט ער צו מיר (ר׳פֿאַרטראַכט זיך. ער וויל,
זעט־אויס, אַ משל — ער זוכט אַרום. פֿאַרענגט
אַן אויג — אַ לאַנגער בליק): „אָט איז אַ שפּיל‟ —
(ער טײַטלט אויף אַ פֿויגל, וואָס שפּרינגט און שווענקט
זיך — לוסטיק מיט געצוויטער, און איבער אים
אַן אָדלער קרײַזט): „אַן אַלטער, אַלטער קאַן.
דאַרפֿסט לערנען זיך פֿון פֿויגל. הערסטו פֿון זײַן שטים
אַרויס די מינדסטע מורא — פֿאַר נעגל און פֿאַר צאָן?

„זיי וואַרטן דאָך אויף אים, ווי אויף מיר, אויף דיר —
און דאָך אײַלט זיך נישט פֿויגל עפֿענען די טיר;
דערצו פֿאַרזויערן זיך דעם הײַנט, דעם זיסן —

וואָס? ער ווייסט נישט! און ווער הייסט דיר דען וויסן?‟

אַקדמות

אקדמות מלין —
אָן טלית, אָן תפֿילין:
ושריות שותאָ —
דאָך קום איך צו דיר, רעיאָ מהמנותאָ —
אַ קרקפֿתאָ,
אַ נאַקעטע — און דאָך אַ פֿאַרגאַפֿטע,
פֿאַר חסד דײַנעם, שכינתאָ בגלותאָ...
למען דעם „כל הנשמה תהלל“,
בין איך אויך צו דיר מתפלל
באהבה:
רעד אויך צו מיר פֿון די אורים ותומים,
דו מלביש ערומים!
טו מיך אוים פֿון כתונת פּסים;
רײַס פֿון מיר אַראָפּ די גאווה.
נעם מיך אַרוים פֿון צווישן גסים,
און באַקלייד מיט עניוות, ווי דײַנע אהובים.

דערהויב מיך צו שפֿלות צווישן דײַנע עלובים.

פֿײַערפֿלי

פֿון פֿלאַטערל לערן !
אויב דיך רײַסט צו אַ שטערן ;
שרעק זיך נישט פֿאַר קײן פֿײַער,
ווײַל קײן זאַך איז נישט צו־טײַער,
אַפֿילו דער טויט אין פֿלאַמען,
אויב דו גליסט מיט אים צוזאַמען.

די עצה האָב איך אַרויסגעהערט
פֿון אונזער שותקס אויגן —
ווען ער פֿלעגט שווײַגן דעם זוהר ; זיך פֿאַרקלערט —
און זיך אויסגעטײַטשט מיט די הענט.

און יעדער פֿויגל, וואָס איז פֿאַרבײַגעפֿלויגן,
איז באַלד געוואָרן פֿאַרברענט.

גלויב־קראַפט

ער האַלט זיך אין איין באַרימען און לויבן
פאַר אַ רעדל צווייפלער, אַז ער קען זיך צעשטויבן
און צוזאַמענקלויבן — און גיין דורך די דיקסטע ווענט.
זיי לאַכן אים אויס. שרייַט ער: „ווייַל איר זענט
סקעפּטיקער, ווייַז איך אייַך, אַז כ׳בין נישט קיין באַרימער —
און גיי דורך אייַך ווי דורך אַ צימער
אָן טירן —

אומר ועושה: ער נעמט דורכפירן
זייַן איום — אָבער ווען ער קומט צו מיר,
איז פאַרמאַכט פאַר אים די טיר,
און אויף איר אַ שלאָס —

ער בלייַבט שטיין אין דערשטוין, פאַרדראָס,
און פרעגט זיך: „בין איך נישט גענוג צעשטויבט?"

ער וווּנדערט זיך, פאַרוואָס,

נאָר איך ווייס די סיבה — איך האָב אים געגלויבט!

מאָסוואָג

און וויפל מאָל האָב איך זיך שוין געפרעגט:

איז ווער פאַראַן, וואָס מעסט און וועגט
דעם רושם אויף די חושים, וואָס בינדן
מיט אויסגעטראַכטן דרויסן מיך, און צינדן
אין מוח מיר אַ בילד נאָך בילד?

איך זוך דאָך בלויז דעם זין
פון זאַכן — און בלײַב אָן אויסגעפין.

דעם נייגער האָב איך קיינמאָל נישט געשטילט.

נאָר ס'איז נישט מער: איך גלויב, און מערק
זיך זייער זײַן,
ווי ווידערשײַן
אין שפיגל.

*

איז אַלץ אַרום מיר ווערק
פון זעלבער האַנט,

מיט זעלבן זיגל?

*   *

*

אינהאַלט:

שבילים

	זייט
א—ת	15
HOMO NOVUS	16
רויג	17
דורך תגין	18
4—מאָס	19
הייכזוך	20
צייטפּויגל	21
אויסשייל	22
ראָם	23
מידאַס	24
שטערן אין ברונעם	25
עוולה	26
בלום־דייט	27
פּינטל	28
לעצטער רינג	29
אַלע פּאַר איינעם	30
סדנאָ דאַרעאָ חד הוא	31
אין דוכן	32
אַרום	33
חידוש החמה	34
אייגנליכט	36
פּראָג	37
פּרי מגדים	38

אויף יענער זייט

זכיה	41
זיי	42
העלד און אָדלער	43
קריעה	44
ווינטמיל	45
דערמאָנט	46
אַנטשאָטנט	47

זײַט

ראַד אין ראַד — 48
פֿון איין בוים — 50
אַזאַ נאַכט — 51
שטום־געשריי — 52
סעודה — 53
גלגול — 54
הרהור — 55
האַלבזון — 56
נישט ליאַדע ווער — 57
טאַקע דאָרט וואַרט ער — 58
גאַרגאָילן — 59
סיריוס — 60
צוזאָג — 61
גרויסשטאָט — 62
אלול — 63
ווענעדיק — 64
בײַ זיי — 66
האַשיש — 67
אַוואַטאַר — 68
זייער וואַלץ — 69
קרײַד — 70
אויפֿקלאַנג — 71
נקמה — 72
כשוף־פֿלוך — 74
אַז איינעם גליקט — 76

סתם אַזוי

טאָפּלטראַכט — 79
פֿון אות צו אות — 80
הידור — 81
על רגל אחת — 82
אָן דער למד — 83
ער שטעלט דעם טראָפּ — 84
דודס אייניקלעך — 86
סך הכל — 87
באַגעגעניש — 88
פּאַנאָראַמע — 89
דורכבליק — 90
פֿון בריק אויף שטריק — 92
שקלאַ וטריאַ אין סדום — 94
אַ זיפֿץ אויף מיטוואָך — 95
זיסער פּרינץ — 96

זײַט

בײַם פּלויט 98
גײ פֿאַרשטײ 99
COR CORDIUM 100
ווערטער צווײ 104
אײגנס 106
משופּע 108
אדום 110
וואָלקנבילד 112
מציאָה 113
גענעציוקע 114
נעדיזנע 115
גורל 116

אין דורשט

A LA RECHERCHE DU TEMPS PERDU 119
דערוואַרטונג 120
מירמלגלוסט 121
נאָך הבדלה 122
באַגין צו־פֿרי 123
איבערלעב 124
עפּל 125
אין פֿאַלב 126
לאַ פּאַליאַ 127
שפּאַס אין באַגין 128
מיט דיר 129
אויף איין בריק 130
אויסקלויב 131
וואָרנונג 132
באַרקאַראָלע 133
כּוס 134
אַרגוס 135
אין גאָרטן 136
צווײ וועלטן 138
אור—הײַנט 140
צעשפּליטער 142
פֿאַרשפּעטיקט 143
בײַם פֿרעמדן ראָד 144
געוועב 145
אַראָפּ 146
אין מיטן דרײַ־פֿערטל 147
מתּנה 148
מאָטיוו 150
דערגאַנץ 151

זײַט
זונבלום — 152
צוויי אותיות — 153
אָן סטרונעס — 154
סאַפּיש — 155
פֿלייש פֿון חלל — 156
האַרץ אויף בוים — 157
אומקער — 158

עגאָטיקאַ

זעלבסטצווײַגל — 161
אַזיווי — 162
געפֿאַנגען — 163
אַלעקסאַנדער אויף בוצעפֿאַל — 164
נעגאַ — 165
שוואַרצבלום — 166
קאַרטן — 167
צוזאַמענטרעף — 168
אַמאָל — 169
געצעלט אין צײַט — 170
חרטה — 171
פּרעמדצײַט — 172
באַנק — 173
רוף — 174
אָן אַ נאָמען — 175
אויפֿן וועג — 176
געלייענט — 177
טאַרמאַז — 178
סילאָגיזם — 179
היסח הדעת — 180
מעוווע — 181
פֿון בלאַט אַרויס — 182
חשבון — 184
אַקדמות — 185
פֿײַערפֿלי — 186
גלויב־קראַפֿט — 187
מאָסוואָג — 188

פֿון זעלבן מחבר:

סאָנעטן פֿון תוהו ובוהו

BY THE SAME AUTHOR:

SONNETS